**ר' יואל אשר:** איך האב געזאגט נאך א זאך, וואס זמנים מיט נשים האבן א נאנטע שייכות, ווייל מיר גייען לערנען וועגן מצות עונה. מצות עונה איז זייער אינטערעסאנט. מצות עונה מיינט זיין מיט די ווייב, אבער די טייטש פון עונה מיינט א צייט. און די חידוש דא איז אז א מענטש קען נישט זיין מיט די ווייב ווען ס'פאקט אים אן, אזוי ווי א מענטש זאל זיך סתם נאכגיין נאך זיינע moods, נאר מ'דארף עס קובע זיין, ס'דארף זיין א קביעות. ס'איז זמנים מיט נשים האבן עפעס א קשר. אקעי, whatever, ס'איז נישט אזוי וויכטיג צו מאכן הדרנים מיט רמזים'לעך, לאמיר גיין לערנען גופא דתורה.

### סטרוקטור פון הלכות אישות (25 פרקים)

**ר' יצחק:** סאו הלכות אישות, נו, הלכות אישות איז א קאטעגאריע וואס דער רמב"ם האט געמאכט. דאס איז יא אביסל אינטערעסאנט, ווייל אזוי ווי מיר האבן גערעדט, אין די משנה, מער וויניגער, הלכות אישות אינקלודט מסכת קידושין און מסכת כתובות. געוויסע הלכות פון יעדע איינע פון זיי שטייט אין אנדערע פלעצער, אזוי ווי אלעמאל, אבער מער וויניגער הלכות קידושין און הלכות כתובות.

ס'זעט עפעס אויס אין די משנה האט מען נישט געטראכט אז ס'איז דא עפעס אזא מושג אישות וואס מ'דארף מסביר זיין. אזוי ווי דו זאגסט, א מענטש האט חתונה. וויאזוי האט ער חתונה? הלכות פריה ורביה בכלל, אין די גמרא שטייט מיינעך אין יבמות, אויב איך געדענק, ס'איז דא אויך א בעיסיק זאך. איך פארשטיי דא, ס'איז אן אינטערעסאנטע, ס'איז זייער לאדזשיקל דער רמב"ם'ס סדר, אבער ס'איז נישט דער סדר פון די...

**ר' יואל אשר:** וואס טייטש דאס ווארט אישות אויב מ'וויל עס טייטשן אין אידיש? אישות מיינט וואס? מענטשליכקייט? אבער דא איז אישות מיינט בין איש לאשתו.

סתם ווייל נשים איז אביסל אויך אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל נשים איז אנשים ונשים. ס'איז די קשר צווישן אנשים און נשים. וואס הייסט הלכות נשים? ווייל אלע אנדערע הלכות רעדט מען צו מענער. די מענער זענען די טארגעטס צו וועם דער רמב"ם רעדט. דא רעדט ער צו מענער וועגן פרויען, וועגן זייער קשר מיט פרויען. אישות מיינט שוין מער די קשר צווישן... די קשר האישות.

**ר' יצחק:** יא. יא, אישות מיינט... נישט די קשר האישות. איך וואלט געזאגט אזוי ווי די מושג. אישות מיינט נישט מענטשליכקייט, אבער... איך ווייס נישט ווי מ'זאגט עס אויף אידיש.

**ר' יואל אשר:** יא. די ערשטע... אין ספר נשים, ספעציעל אין הלכות אישות, איז דער רמב"ם זייער שיין מסודר. זייער שיין מסודר. סאו ער הייבט אן מיט אלע הגדרות, פון וואס טייטש א... וועלכע מין... ווען איז מען א גדול, ווען איז מען א נער, ווען איז מען א בוגרת. וויאזוי ווייסט מען אז איינער איז אן איילונית, טייטש איינער וואס קען נישט האבן קיין קינדער, כדומה.

שפעטער איז די לעצטע... די ערשטע פאר זענען אלעס הלכות קידושין, און נאכדעם פון הלכות קידושין גייט מען צו... הלכות כתובה מיט אלע דיטיילס פון הלכות כתובה. און אין הלכות כתובה איז דא סיי דאס וואס אונז קענען אלס די כתובה וואס מען לייענט פאר ביי די חתונה, וואס מען וועט באצאלן פאר די ווייב אויב מען וועט זיך קווועלן געטן. אבער אין הלכות כתובה איז אויך דא אלע חיובי בעל ואשה. און ביי די ענד, אין הלכות כתובה איז אויך דא מצוה פון פריה ורביה און שלום בית און וואס דער מאן איז מחויב צו די פרוי.

און שוין, ביי די ענד איז דא נדרים, טאקע אזוי ווי דו האסט געזאגט אז נדרים, אביסל פון נדרים, נדרים, ווייל א חלק פון נדרים איז משהו שנוגע צווישן די מאן און די פרוי, דאס אז די מאן קען

**ר' יצחק:** מפיר זיין און דערוויטער.

**ר' יואל אשר:** און אין די לעצטע איז דא נדרים און מומן, יא.

**ר' יצחק:** ניין, דאס מיינט נישט היתר נדרים, דאס מיינט מער אז איש מקדש את אשה שיש לו נדרים, רעדט עס א זאך וואס מער אזוי ווי...

**ר' יואל אשר:** יא,

**ר' יצחק:** אויב איך געדענק. ווייל נדרים, דער רמב"ם האט הלכות נדרים אין די ספר הפלאה.

## הלכות אישות פרק א׳ — מושג קידושין: פאר מתן תורה און נאך מתן תורה

### הקדמת הרמב"ם: די פיר מצוות פון הלכות אישות

**ר' יואל אשר:** מאנישקייט? זיין א מאן.

**ר' יצחק:** מאנישקייט. אפשר א פרוי אויך. אישות איז אינקלוד די פרוי. מאן און פרוי'אישקייט.

**ר' יואל אשר:** כאילו. יא, אקעי. שוין, זאגט דער רמב"ם אזוי. דער רמב"ם הייבט אייביג אן, דער רמב"ם האט דאך געמאכט א ספר משנה תורה בעיסד אויף די תרי"ג מצוות. זאגט ער אזוי, אין הלכות אישות איז **יש בכללה, צווישן גאנץ הלכות אישות איז דא פיר מצוות: שתי מצוות עשה, שתי מצוות לא תעשה, וזהו פרטן.** די ערשטע זאך איז א מצות עשה, **לישא אשה בכתובה ובקידושין**, צו חתונה האבן מיט א פרוי מיט כתובה און קידושין. זאגט דער רמב"ם, ער לייגט דא אריין כתובה איז אויך א דאורייתא.

**ר' יצחק:** יא, ס'איז זייער...

### דיסקוסיע: וואס מיינט "כתובה" אין דער מצוה "לישא אשה בכתובה ובקידושין"?

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם גייט זאגן אז אין כתובה איז דא דרבנן און ס'איז דא דאורייתא.

**ר' יצחק:** אויב איך געדענק, דער רמב"ם אינעווייניג זאגט אז כתובה איז דרבנן, ניין? ס'איז נישטא קיין מצוה פון כתובה.

**ר' יואל אשר:** יש מהם מדברי סופרים, ניין? ווייל כסותה ועונתה האט דער רמב"ם אזא...

**ר' יצחק:** דער רמב"ם מיינט דאס? כתובה מיינט שארה כסותה ועונתה?

**ר' יואל אשר:** שארה כסותה ועונתה אויך. און דער רמב"ם, ווי ער הייבט אן...

**ר' יצחק:** אויב איך געדענק, אין הלכה אין פרק...

**ר' יואל אשר:** פרק י"ב דאכט זיך מיר...

**ר' יצחק:** אין פרק י"ב...

**ר' יואל אשר:** האשה חייב, זאגט ער, מיט כתובה, עיקר כתובה על כל פנים.

**ר' יצחק:** געווענליך כתובה מיינט עיקר כתובה, און דער רמב"ם האלט קלאר אז

**ר' יואל אשר:** עיקר כתובה איז דאורייתא. אבער ער זאגט "עשרה דברים, שלשים הם מן התורה". סאו על כל פנים, ס'איז דא א חלק כתובה מן התורה. טייטש, דער חיוב שארה כסותה ועונתה, אונז רופן עס נישט געווענליך כתובה, אבער דער רמב"ם לייגט עס אריין אין די ווארט כתובה, און דאס איז א דאורייתא.

**ר' יצחק:** ניין, ניין, ס'קען נישט זיין. ווייל ווען דער רמב"ם זאגט דא "לישא אשה בכתובה ובקידושין", מיינט ער דאך דאס וואס דער רמב"ם האט פארשטאנען, ס'איז אויך א חידוש פון דער רמב"ם, מ'זאל קענען רעדן וועגן דעם אינעווייניג אין פרק א'. ס'איז דא א מצוה אז ווען א מענטש וויל חתונה האבן, דארף ער געבן א קידושין, און אויך דא שטייט אין די הקדמה אויך א כתובה. אינעווייניג שטייט קיינמאל נישט כתובה. און דאס האט צוטון מיט דעם וואס דער רמב"ם האט פארשטאנען אז די עיקר מצות קידושין, קעגן דעם איז דא א מצות לא תעשה פון "לא תהיה קדשה", וואס די מצות לא

תעשה איז אז מ׳זאל נישט זיך פירן בדרך זנות און חתונה האבן בדרך אקראי,

**ר׳ יואל אשר:** נאר חתונה האבן מיט א סדר,

**ר׳ יצחק:** מיט א מעמד קידושין, מיט א קנין. און דער רמב״ם דא ווען ער שרייבט כתובה מיינט ער נישט מ׳זאל זיין מחויב שארה כסותה ועונתה. ווייל שארה כסותה ועונתה איז ער מחויב, אויב מ׳האט חתונה איז ער מחויב. קען זיין אז שארה כסותה ועונתה איז כאילו פארט פון כתובה וואס איז מדאורייתא, אבער ווען ער זאגט דא כתובה מיינט דער רמב״ם מער די אידיע אז מ׳האט חתונה נישט סתם אין די וועלט אריין, נאר אזוי ווי אין די גמרא שטייט אסאך מאל אז פילגש איז בלא כתובה. און דער רמב״ם האלט דאך אז פילגש איז אן איסור, ״לא תהיה קדשה״, אז מ׳קען זען די מחלוקת רמב״ם און ראב״ד וועגן דעם. סאו ווען ער זאגט דא ״לישא אשה בכתובה״, מיינט ער מיט די סארט אזוי ווי התחייבות

**ר׳ יואל אשר:** וואס איז נישט רענדאם. בלא כתובה וועט מיינען א רענדאם בעילה, און בכתובה וועט מיינען מיט חיובים, מיט התחייבות׳ן,

**ר׳ יצחק:** אזוי. אבער הגם אז לכאורה איז קלאר אז דער רמב״ם האלט לפחות עיקר כתובה איז מדרבנן, און ס׳איז זייער שווער צו לערנען אז דאס מיינט שארה כסותה ועונתה, ווייל דאס איז נישט דער חידוש פון קידושין אז מ׳דארף זיין מחויב שארה כסותה ועונתה. שארה כסותה ועונתה איז סתם א מענטשליכע זאך. אויב האסט חתונה געהאט, ביסטו מחויב מיט די זאכן. איך מיין אז מ׳רעדט וועגן דעם דא, ס׳איז נישט קלאר. ס׳איז זייער נישט...

**ר׳ יואל אשר:** ווייל אויב וועט מען זאגן אז כתובה דארף מיינען שארה כסותה ועונתה, זעט דא אויס אזוי ווי אז... אז ס׳איז דא א חיוב אז ווען מ׳האט חתונה זאל מען זיך מקבל זיין, זאל מען אזוי ווי אריינגיין אין דעם על דעת אז ס׳גייט זיין שארה כסותה ועונתה. יא,

**ר׳ יצחק:** ״לישא אשה בכתובה״, נישט... זייער נישט דאס. מ׳רעדט, ער ברענגט דא אז טאקע אין אנדערע פלעצער אין די הקדמה שטייט אלעמאל נאר ״לבעול בקידושין״. און דא שטייט אביסל אנדערש. ס׳איז זייער נישט קלאר וואס ס׳מיינט דא די ווארט כתובה. לויט וואס איך האב געזאגט, ס׳מיינט בערך אזא סארט זאך. דאס הייסט, די כתובה דא מיינט מער אזוויוי א פארט פון די... דאס אז לאמיר האבן א סדר, אזוי מיט א קנין, מיט א חתונה, נישט די שטערעכץ.

**ר׳ יואל אשר:** קעגנזייטיגע חיובים, יא.

**ר׳ יצחק:** יא. איז דאס איז די ערשטע מצות עשה.

**די צווייטע, דריטע און פערטע מצוות**

**ר׳ יואל אשר:** די צווייטע לא תעשה איז די פארקערטע, **שלא תבוא על אשה בלא כתובה וקידושין,** זאל נישט באד זיין א פרוי אן כתובה וקידושין. די דריטע מצוה איז **שלא ימנע שאר כסות ועונה,** ס׳איז א לא תעשה, **שארה כסותה ועונתה לא יגרע.** דא וואס ס׳זאגט א שטיקל עריות, כתובה מיינט נישט דאס. אקעי? אקעי. און די פערטע מצוה איז **לפרות ולרבות ממנו.** מצוה פון פריה ורביה.

**דיסקוסיע: דער סדר פון די פיר מצוות**

**ר׳ יצחק:** דאס וואס דער רמב״ם האט דא געלייגט די פיר מצוות, אזוי ווי אסאך מאל אזוי ווי על הסדר, דאס הייסט אין די סדר אין די ספר המצוות, אדער אפילו דא אין די אנהייב רמב״ם, ווען ס׳איז דא א סדר המצוות, גייט ער נישט ממש אויף די סדר, ווייל קודם האט ער צוטיילט עשה מיט לא תעשה, און בכלל גייט עס אויף אן אנדערע סדר. ווען דער רמב״ם לייגט אריין די מצוות, אז ער שרייבט הלכות כדי צו מפרש זיין די פירוש אלה המצות, געוועגליך טרייט ער צו מסדר צו זיין די מצוות אין צו א סטארי אז ס׳זאל מאכן סענס.

**ר׳ יואל אשר:** קודם נעמט מען די ווייב, און נאכדעם קען מען שפעטער מיט איר האבן קינדער. למשל ספר החינוך וואס גייט לויט די סדר המקראות, איז פריה ורביה די ערשטע מצוה אין די תורה.

**ר׳ יצחק:** יא, דאס זיכער נישט. אפילו נאכדעם וואס דער רמב״ם האט געמאכט א געוויסע סדר, איז די סדר אין די הלכות איז נאכמער. דאס הייסט, קודם האב חתונה, אקעי, און האב נישט נישט חתונה. אז דו האסט חתונה געהאט, האסטו אן איסור נישט צו מונע זיין שאר כסות ועונה. האסטו אויך, אז דו טראכסט די דיוק, לפרות ולרבות ממנו, פון די פרוי וואס דו האסט געהאט קידושין. הגם אז פריה ורביה איז נישט טעקניקלי תלוי אין מצות קידושין, ס׳קען זיין מ׳איז יוצא אן קידושין אויך פריה ורביה, מ׳וועט זען אינעווייניג די הלכות. אבער דער רמב״ם לייגט אראפ די מעשה וויאזוי ס׳דארף ארבעטן די נארמאלע וועג.

**ר׳ יואל אשר: וביאור מצות אלו בפרקים אלו.** דער ביאור פון די מצות, אזוי ווי דער תורה שבעל פה וואס איז מבאר די מצות, איז אין די קומענדיגע מצות,

**ר׳ יצחק:** זאגט דער רמב״ם אזוי. אין די קומענדיגע פרקים. אין די קומענדיגע פרקים.

**די ערשטע צוויי פרקים: עשרים שמות**

**ר׳ יצחק:** און אזוי ווי מיר האבן שוין אויסגעזאגט, אבער מ׳דארף דא מקדים זיין אביסל, די ערשטע צוויי פרקים פון דער רמב״ם, אזוי ווי ס׳שטייט בפירוש אין סוף פרק ב׳, רייט? אין סוף פרק ב׳ שטייט אז מ׳וועט אנקומען דארטן אין הלכה כ״ז פון פרק ב׳ שטייט. **נמצא אז אין די צוויי פרקים איז דער רמב״ם מסביר עשרים שמות.** צוואנציג שמות מיינט ביי דער רמב״ם נישט נעמען נאר ווערטער. א שם איז טייטש א ווארט, א noun, אויף ענגליש א noun. שם מיינט צו זאגן א שם דבר. צוואנציג שמות דבר, וואס דורך די שמות דבר וועט מען קענען וויסן אלע הלכות אישות, און אפשר נאך הלכות אפילו וואס זענען געבויעט אויף די שמות דבר. אבער די ערשטע זאך וואס ער זאגט, די ערשטע שם וואס ער זאגט דא איז קידושין. און קידושין איז א מצוה. ס׳הייבט זיך אן מיט די מצות קידושין, אבער דער רמב״ם איז מסביר, וואס איז דאס נוגע? דאס איז אויך נוגע זאלסט וויסן אז דאס איז טייטש די ווארט קידושין. באט בעצם, ס׳דינט אזוי צוויי תפקידים, די ערשטע צוויי דריי הלכות דא, אפשר מער ווי צוויי דריי הלכות. ס׳דינט קודם כל די תפקיד, אזוי ווי דער רמב״ם׳ס סדר אלעמאל זאגט די מצות עשה, אבער מער פון דעם דינט עס די תפקיד פון מסביר זיין די מושג. וואס איז דאס קידושין? דו גייסט דאך לערנען אז מ׳דארף מאכן קידושין, יא? ״ליבל בקידושין״, דאס איז א מצוה? אקעי, וואס איז דאס קידושין? שפעטער גייט מען לערנען א גאנצע צייט מקודשת, נישט מקודשת. דארפסטו וויסן וואס איז די זאך קידושין. און מיט דעם פארשטייט מען זייער גוט אביסל פארוואס דער רמב״ם געבט אונז יעצט די גאנצע היסטאריע צו מסביר זיין ווי איז געקומען די מושג קידושין, ווייל ס׳איז נישט עפעס א נאטורליכע מושג, ס׳איז א זאך וואס די תורה האט מחדש געווען. דארף דער רמב״ם מסביר זיין וואס פונקטליך איז די חידוש פון די זאך וואס הייסט קידושין.

**דיסקוסיע: פארוואס דער רמב״ם מאכט נישט א באזונדערע גלאסערי**

**ר׳ יואל אשר:** און ער האט נישט געטון א גלאסערי אזוי ווי אין הלכות אין ספר זמנים, זאגן וואס טייטש חורש, זורע, קוצר. דאס שרייבט ער אין די הלכות אליין.

**ר׳ יצחק:** ס׳איז שוין נישט אזוי וויכטיג. איך ווייס נישט פארוואס. אמאל, ס׳איז דא נאך פלעצער וואס ער טוט עס, רייט? ס׳איז נישט אזוי וויכטיג אפשר, אפשר טאקע וועגן דעם, ווייל ס׳איז מער אזוי ווי לומד׳ישע, דא הייבט זיך אן לומדות. ביז יעצט, אלעס וואס מ׳האט געלערנט ביז יעצט איז וואס מ׳לערנט נישט אין ישיבות, ווייל ס׳איז נישט קיין לומדות. לומדות מיין איך צו זאגן...

**ר׳ יואל אשר:** נישט קיין חלות,

**ר׳ יצחק:** נישט קיין... רייט, אזוי ווי מער משפט, אזוי ווי לאו׳ס,

**ר׳ יואל אשר:** למשל די ווארט זוכה, די ווארט מקודשת.

**ר׳ יצחק:** רייט, ס׳איז מער לומד׳ישע זאכן. יא.

**ר' יואל אשר:** יא.

**פרק א' הלכה א': קודם מתן תורה**

**ר' יצחק:** שוין,

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי. פרק א' — הלכה א'. זאגט דער רמב"ם אזוי, ס'איז זייער אינטערעסאנט, דער רמב"ם הייבט אן זייער שיין, ער הייבט אן מיט אזוי ווי וואס איז געווען פאר מתן תורה און וואס די תורה האט מחדש געווען. זאגט דער רמב"ם אזוי, **"קודם מתן תורה"**, פאר מתן תורה, איז דאס אזוי, **"אדם פוגע אשה בשוק"**, א מענטש האט געטראפן א פרוי אין די גאס, **"אם רצה הוא והיא לישא אותה"** — אויב ער האט איר געוואלט חתונה האבן און זי האט מסכים געווען. די לשון איז אביסל אינטערעסאנט, "רצה הוא לישא אותה והיא" האט מסכים געווען.

**דיסקוסיע: "רצה הוא והיא" — ביידע דארפן מסכים זיין**

**ר' יצחק:** אבער ער זאגט אז "רצה הוא והיא לישא אותה". אקעי, ווייל דער רמב"ם פארשטייט אז פאר מתן תורה איז נישט דא אזא זאך אז דער מאן איז מקדש די פרוי. זיי דארפן ביידע מסכים זיין. "לישא אותה" איז טאקע א לשון כאילו ער טוט עס, אבער ס'מיינט צו זאגן "להיות נשואים", זיי ווילן לעבן צוזאמען. ביידע פון זיי האבן די רעכט אוועקצוגיין,

**ר' יואל אשר:** אזוי וועסטו זען. וויאזוי טוט מען עס? **"מכניסה לביתו"** — ער נעמט איר אריין צו זיך אינדערהיים, **"ובועלה בינו לבין עצמו"** — ער איז איר בועל פריוואט, אויף א צניעות'דיגע וועג, **"ותהיה לו לאשה"**.

**דיסקוסיע: "בינו לבין עצמו" — א חסרון, נישט א מעלה**

**ר' יצחק:** ניין, פריוואט דא מיינט "שלא לפני עדים", ס'הייסט "שלא ייחדה לפני עדים".

**ר' יואל אשר:** ס'דארף נישט זיין קיין ענין פון ביאה, ס'זאל זיין קידושין.

**ר' יצחק:** מ'דארף נישט, קיינער דארף נישט וויסן דערפון. דאס "בינו לבין עצמו" מיינט נישט א מעלה, ס'מיינט א חסרון. ס'הייסט, זיי האבן ביידע, צוויי מענטשן האבן זיך געטראפן, אפילו אן עדים, אפילו קיינער ווייסט נישט דערפון, ער גייט אינדערהיים, און "ותהיה לו לאשה",

**אשת איש ביי בני נח**

**ר' יואל אשר:** זי הייסט זיין ווייב. למשל אז איסור אשת איש איז דאך שוין פון די שבע מצוות בני נח. און איינמאל א מענטש האט מייחד געווען א פרוי און איר גענומען צו זיך אהיים און איר בועל געווען, הייסט עס זיין ווייב, און ס'וועט שוין זיין דא איסור אשת איש.

**ר' יצחק:** איך מיין אז אזוי זאגט דער מגיד משנה, ער זאגט גלייך דא, אזוי קומט אויס אין די גמרא אז א בן נח האט נישט קיין קידושין, ס'ווערט אשת איש בייחוד בעלמא. אבער איך מיין אז דער רמב"ם איז דא נישט געקומען צו מסביר זיין הלכות.

**הלכה א' (המשך) — "נצטוו ישראל שאם ירצה האיש לישא אשה יקנה אותה תחילה בפני עדים ואחר כך תהיה לו לאשה"**

**ר' יצחק:** ותהיה לו לאשה מיינט דאך פראקטיש, זי איז זיין ווייב, דאס איז עס.

**ר' יואל אשר:** אבער ער ווארפט דא אויך, איך מיין אז בדרך אגב זאגט ער אויך אז וויאזוי איז געווען די נארמאלע וועג. ס'טייטש, פאר די תורה איז דאך אויך געווען א נימוס, און דאס איז א נארמאל'דיגע וועג, ווייל לאפוקי שפעטער וואס ער גייט זאגן קדשה.

**ר' יצחק:** ניין, לויט דעם רמב"ם, דאס עקזעקטלי הייסט קדשה אין די תורה.

**ר' יואל אשר:** קען מען זען שפעטער, אקעי.

**דער רמב"ם'ס כוונה — צו באשרייבן די דעפאלט סיטואציע, נישט די היסטארישע מציאות**

**ר' יצחק:** ניין, דער רמב"ם קומט נישט צו מסביר זיין וואס איז געווען, ער וויל נאר ארויסגעבן די דעפאלט סיטואציע. ביסט גערעכט אז אין דעם, אזוי ווי דו און די מגיד משנה זאגן, אין דעם ליגט שוין אויך א געוויסע סדר, ס'איז נישט אינגאנצן הפקר וועלט, דאס איז אמת. אבער דער רמב"ם וויל טראכטן אז דאס איז כאילו צו הפקר'דיג פאר די תורה, און די תורה גייט צולייגן נאך עפעס.

דאס הייסט, דאס איז די... אין אנדערע ווערטער, דער רמב"ם'ס הגדרה פון קידושין גייט אם רוצה לישא אשה אדער אם רוצה לבוא, מ'דארף וויסן וועלכע פון די צוויי, דארף ער טון קידושין. ס'דארף דאך מסביר זיין וואס איז די רוצה, וואס וויל ער טון. וואס ער וויל טון איז דאס. יעצט, וויאזוי טוט מען עס? זאגט דער רמב"ם.

**דער חידוש פון קידושין — א מעמד קנין בפני עדים**

**ר' יואל אשר:** קומט שוין אונטן די תורה, די תורה איז געגעבן געווארן, נצטוו ישראל, איז דא א מצוה פאר אידן צוגעלייגט, **שאם ירצה האיש לישא אשה**, אז אויב א מאן וויל חתונה האבן, ער וויל נעמען א פרוי, **יקנה אותה תחילה בפני עדים**, דארף קודם זיין עפעס א מעשה קנין, ער זאל איר קונה זיין. **ואחר כך תהיה לו לאשה**, ס'איז נישט אויטאמאטיש אז אריינגעמען אין די היים און בועל זיין איז גענוג, נאר ס'דארף פארדעם זיין עפעס א געוויסע קנין, און נאכדעם תהיה לו לאשה.

**ר' יצחק:** און ס'איז זייער וויכטיג,

**ר' יואל אשר:** די קנין דארף זיין תהיה לו לאשה אן בועל זיין, יא, דא שטייט שוין נישט בועל זיין. דער קונה זיין אליין, דאס מאכט אים פאר אן אשה. פאר אן אשה אשה.

**ר' יצחק:** לאמיר פארשטיין אזוי, קודם כל, ס'דארף זיין צוויי זאכן וואס דער רמב"ם זאגט דא וואס ס'דארף זיין. און ס'שטייט אין צווישן שתים.

קודם כל, פאר די נשואין דארף ער קונה זיין. פארשטייט זיך ער גייט איר בועל זיין, פאר דעם וויל ער, דאס טייטש לישא אשה, אז זי זאל זיין זיין ווייב. אבער דו קענסט נישט סתם נעמען א ווייב, דו דארפסט קודם מאכן א קנין.

יעצט, די קנין דארף זיין בפני עדים. דאס איז ווייל דער רמב"ם זעט א בעיסיק הגדרה דערפון. ס'איז נישט סתם אז דו דארפסט א קנין, כדי מ'זאל וויסן דארף מען עדים. פון דא קומט אפשר ארויס די לומדות וואס זאגט אז עדות לקיום. אבער די ווארט איז אז דאס מאכט עס אפישל, דאס מאכט עס די קנין איז קודם, ווייל קונה זיין בינו לבין עצמו איז דאך לא הועיל חכם בתקנתו, איז דאך פונקט אזוי ווי זאגן בינו לבין עצמו אז איך וויל חתונה האבן.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אלעמאל געווען עפעס א סטעפ פון רצה הוא והיא.

**ר' יצחק:** און איך זאג אז דאס איז נעסעסערי כדי ס'זאל זיין בכלל א קנין לשם קידושין, ווייל אויב נישט, רצה הוא והיא, אלעמאל איז דא עפעס א רצה הוא והיא. דער חידוש פון קידושין איז נישט אז מ'דארף זאגן, איך ווייס נישט, אפשר פלעגט מען אלעמאל זאגן, איך ווייס נישט, ס'איז מער אזוי אז ס'ווערט א מעמד קנין. וויאזוי ווערט א מעמד קנין? מ'רופט צוויי אנדערע מענטשן, נישט זיי, מ'זאגט הריני מקדש אותך, אדער הרי את מקודשת, און דעמאלטס ווערט...

**ר' יואל אשר:** ואחר כך, ס'איז נאך דא עפעס א סטעפ פאר דעם, ואחר כך תהיה לו לאשה.

**ר' יצחק:** און דורך דעם ביסטו גערעכט אז דער רמב"ם גייט מסביר זיין אז דעמאלטס ווערט זי, און דו זאגסט שוין אין סעיף ג' אז דאס איז שוין גענוג. אבער קודם זאגט מען אז... דארפסט פארשטיין, דאס אז ס'איז גענוג, דאס איז שוין כאילו די חידוש נאכדעם. אבער די סטעפ 1 איז, אז דו ווילסט חתונה האבן, לייג צו א סטעפ פאר דעם.

**דער פסוק "כי יקח איש אשה ובא אליה"**

**ר' יואל אשר:** יא, זאגט ער, **שנאמר**, וואס איז דער פסוק אויף דעם? **"כי יקח איש אשה ובא אליה"**. "כי יקח", דאס דארף שוין די גמרא, מיינט קידושין, אז קודם דארף זיין קידושין, און נאכדעם "ובא אליה", נאכדעם

קען ער איר נעמען אהיים און ער קען איר בועל זיין. אבער מ'דארף מאכן פאר דעם א קידושין.

**דיון: פארוואס ברענגט דער רמב"ם דעם פסוק פון מוציא שם רע, נישט דעם פסוק פון גט?**

**ר' יצחק:** דאס איז דער פסוק פון מוציא שם רע, איך ווייס פארוואס דער רמב"ם האט געברענגט דעם פסוק. געווענליך, די גמרא ברענגט דעם פסוק פון גט, "כי יקח איש אשה ובעלה", וואס שטייט שפעטער אין די פרשה. דער רמב"ם, מאיזה שהיא סיבה, ברענגט דעם פסוק "כי יקח איש אשה ובא אליה". ס'איז מער ווי איינמאל שטייט, יא? אין די גמרא אין קידושין וואס מ'לערנט, אלעמאל ברענגט די גמרא אן אנדערע פסוק. איך ווייס נישט פארוואס דער רמב"ם ברענגט דעם פסוק. איך ווייס נישט פארוואס.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם ברענגט אסאך מאל אן אנדערע פסוק נישט וואס די גמרא ברענגט.

**ר' יצחק:** יא, אבער פאר סתם, מ'געט אויס א פסוק פאר גארנישט. איך ווייס נישט. אפשר האלט ער אז דער פסוק איז א בעסערע ראיה? יא, דאס זאגסטו. געווענליך דער רמב"ם ברענגט א פסוק ווייל ער האט א פשוט'ע פשט אין דעם פסוק וואס ער ברענגט, איז מער א ראיה. איך ווייס נישט וויאזוי דער פסוק איז א בעסערע ראיה.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אויך נישט פריער אין די תורה, ס'איז נישט אז דער רמב"ם האט געטראפן די ערשטע וואו ס'שטייט.

**ר' יצחק:** דאס איז שפעטער?

**ר' יואל אשר:** דאס איז שפעטער, דאכט זיך יא,

**ר' יצחק:** דאס איז אין די...

**ר' יואל אשר:** ביידע זענען פרשת כי תצא.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט וועלכע איז קודם. ער רעדט נישט וועגן דעם, איך ווייס נישט. אקעי, זאגט דער רמב"ם סעיף ב', סאו דאס איז די מצוה.

**"נצטוו ישראל" — אויסשליסן בן נח**

**ר' יואל אשר:** אבער דא אויך שטייט אזוי ווי "נצטוו ישראל", אז דאס איז א מצוה אויף ישראל. ס'טייטש דער וואס איז נישט ישראל איז געבליבן מיט די פריערדיגע. סאו דא שטייט, אינקלודינג, אז דער בן נח איז געבליבן מיט די ערשטע סעיף, אז אויב וויל ער עס טון ריכטיג זאל ער עס טון די "בועלה בינו לבין עצמו".

**ר' יצחק:** כל התורה איז לישראל. וואס איז די הלכות בן נח? דאס איז אין הלכות מלכים. איך מיין אז ס'איז נישט דווקא די הדגשה, דו ביסט גערעכט.

**ר' יואל אשר:** ניין, ניין, איך מיין אז ס'איז אויך די לשון דא אנדערש ווי ער שילדערט די קדשה. קדשה איז נישט רעקאמענדעד פאר קיינעם. לאמיר זען שפעטער ווען מ'וועט לערנען קדשה.

**הלכה ב — "וליקוחין אלו מצות עשה של תורה הם, ובאחד משלשה דברים האלו האשה נקנית: בכסף או בשטר או בביאה"**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **"וליקוחין אלו"** — די "כי יקח", די ליקוחין, די גענעמאכטס, ס'טייטש די קנין — **"מצות עשה של תורה הם"**. דאס איז א מצות עשה פון די תורה. "הם" מיינט אזוי לשון רבים, ער גייט שוין זאגן אז ס'איז דא אפאר מיני וועגן וויאזוי צו מאכן די קונה זיין, דאס איז מצות עשה של תורה.

זאגט דער רמב"ם, **"ובאחד משלשה דברים האלו האשה נקנית"**. איינס פון די דריי מיני וועגן קען מען קונה זיין א פרוי: **"בכסף"**, **"או בשטר"**, **"או בביאה"**. ס'טייטש מ'דארף נישט אלע דריי, איינס פון דריי. כסף — מיט געלט, או בשטר — אדער מיט א שטר, או בביאה. **"ושלשתן דין תורה"**.

**ר' יצחק:** יא, כידוע דאס איז געווען געטוישט.

**די גרסאות אין דעם רמב"ם — כסף מדברי סופרים אדער דין תורה**

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא אפאר גרסאות, יא? "ושלשתן דין תורה". אין אן אנדערע גרסא פון דער רמב"ם איז געשטאנען אז כסף איז א דרבנן, שטר וביאה איז א דאורייתא, און אויף דעם קומט די... דער ראב"ד קריגט זיך. אבער אין א שפעטערדיגע גירסא פון דעם רמב"ם, האט דער רמב"ם געזאגט, נישט לאזט ער דין תורה.

טייטש אבער בעצם, אפילו לויט די שיטה אז אין די מהדורא, וואס אויף דעם קומט די לחם משנה און די מגיד משנה און די אלע איז געשטאנען אז כסף איז מדרבנן, אבער זיי זענען מסביר גלייך דברי סופרא, אז ווען דער רמב"ם זאגט, אפילו ווען דער רמב"ם זאגט בכסף איז מדברי סופרא, מיינט ער נישט צו זאגן אז ס'איז נישט קיין אשת תשמין מן התורה, מ'ווערט זיכער אשת תשמין מן התורה. אז די תורה האט געגעבן צוויי עצות, און די דברי סופרים האבן ארויסגעלערנט פון קל וחומר אדער פון גזירה שוה א דריטע וועג, אבער ס'איז אויך מן התורה. נאר מיט דברי סופרים, ס'טייטשט אז ס'שטייט נישט ארויסגעשריבן קלאר אין די תורה.

אבער על כל פנים, אינעווי', אונז גייען מיר מיט די מהדורא. וואס רבי יצחק האט דארט באשטעטיגט, אויף אלע דריי שטייט נישט לאזט ער דינען תורה. יא, שפעטערדיגע מאדורא,

**דיון: דער רמב"ם'ס שיטה אין דאורייתא/דרבנן, און פארוואס ער האט געטוישט די גירסא**

**ר' יצחק:** דער רמב"ם האט אויסגעמעקט און איבערגעשריבן... יא, יא, ס'איז דא א תשובה וועגן דעם מפורש, און דער רמב"ם האט געשריבן א תשובה, קודם כל האט ער געשריבן א תשובה וואס ער האט מצדיק געווען דאס וואס ער האט געשריבן מיט דברי סופרים, און ער האט געזאגט אז ס'שטייט אין די גמרא אזוי, אז שטר...

דער רמב"ם איז מסביר אז לויט זיין כלל וואס ער האלט אז יעדע זאך וואס שטייט איז נישט מפורש אין די תורה, נאר ס'קומט פון א דרשה, אפילו אז דברי סופרים. הייסט דברי סופרא. דאס הייסט, אין אנדערע ווערטער, ס'איז נישט לכל למשה ותינא.

דו גדעדנקסט, ביי די רמב"ם האט מדאורייתא, מדרבנן, האט די רמב"ם אביסל אן אנדערע טייטש ווי אונז זענען צוגעוואוינט. דו האסט גלייך געזאגט, דאורייתא מיינט אז ס'איז ספק לכולא. ניין, דאורייתא מיינט וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, לכל למשה ותינא. די דברי סופרא מיינט וואס די סופרא האבן מפרש געווען. אויב זיי האבן מפרש געווען א נייע פירוש, איז עס מדאורייתא, ווייל זיי זאגן עס א פירוש אין די תורה. ס'איז נישט קיין כתוב בתורה, ס'איז נישט קיין מיט דאורייתא צו מיט דברי סופרים. ווען איינער קען זיך דינגען אדער טוישן די תקנה, קען מען. דאס איז בעצם די עיקר חילוק, מ'קען עס טוישן.

**ר' יואל אשר:** טייטש, בעצם דער רמב"ם האלט זיך ווייטער ביי זיינס אז כסף איז די קאטעגאריע דברי סופרים, נאר ווייל ער האט געזען אז מ'קריגט זיך, און מענטשן פארשטייען נישט וואס ער זאגט, האט ער געטוישט צו שטיין דינת תורה.

**ר' יצחק:** ניין, ניין, ניין, נישט דאס איז וואס געשען. דו האלטסט נאך ביי א סטעפ אן פון די מעשה. קודם האט דער רמב"ם געשריבן אז כסף איז דברי סופרים. און ער האט געזאגט אז אזוי שטייט אין די גמרא. דאס הייסט, דער רמב"ם האט געפרעגט פאר דעם רמב"ם פארוואס? ווייל אויב זאגסטו אז ס'איז א דרשה, איז אויך שטר און ביאה איז א דרשה. זאגט דער רמב"ם אמת, אבער אין די גמרא שטייט אז שטר און ביאה איז בדאורייתא.

דאס הייסט, דער רמב"ם האט דאך דאך א כלל, אז וויאזוי ווייסטו? דו גדעדנקסט דאך לויט דער רמב"ם'ס שיטה אז א זאך וואס שטייט אין די תורה בפירוש, דער אייבערשטער האט געלערנט פאר משה רבינו, אדער נישט בפירוש, אדער הלכה למשה בסיני. וואס איז קלאר אז זייער אסאך זאכן וואס זענען דרשות, דאס הייסט דאורייתא. א זאך וואס די דרשה האט מחדש געווען, דאס הייסט דרבנן, אדער דברי סופרים. לאמיר עס רופן, איך מיין אז ס'איז די זעלבע זאך ווי דרבנן.

אויב אזוי, אלעמאל וועט דער רמב"ם שווערקענען, וויאזוי ווייסט דער רמב"ם וועגן צו זאגן אזא זאך מיט דאורייתא, וועגן איז דרבנן? זייער אסאך זאכן זאגט דער רמב"ם מיט דאורייתא, הגם זיי זענען א דרשה. תירוץ איז, אז אויב דער רמב"ם האט געטראפן אין די גמרא אז ס'שטייט אויף עפעס מן התורה, נעמט ער אן דאס איז הלכה למשה בסיני, הגם ס'שטייט נישט בפירוש, ס'שטייט נאר א דרשה, אבער די דרשה איז נאר א רעת מאכט. אויב ער טרעפט נישט אין די גמרא, זאגט ער, אויב ס'שטייט נישט, איז עס אין דברי סופרים.

ממילא, די גמרא, האט ער פארשטאנען אין א גמרא אין ערגעץ אין קדושין וואס זאגט אז כסף איז מדרבנן, האט ער פארשטאנען אז כסף, הגם ס'איז ביידע, אלע דריי זענען די זעלבע דרשה, כסף איז מדברי סופרים, און שתר רפואה איז מדאורייתא. און דאס איז וואס דער הייליגער רמב"ן האט געשריבן קודם כל.

שפעטער האט דער רמב"ן געטווישט זיין מיינד, און איבערגעשריבן אז שלשתן דין תורה, אזוי ווי אונז האבן די מהדורא ברסא פון דעם רמב"ם. ס'איז דא א מחלוקת זיך, וואס איז די טייטש? ס'איז דא וואס זאגן טאקע אזוי ווי דיך, אז דער רמב"ם האלט נאך אלץ אזוי, נאר ער האט געזען אז מענטשן פארשטייען נישט אז ס'איז געטווישט.

ס'קען אויך זיין אז דער רמב"ם האט בעסער אריינגעקוקט אין די גמרא, און ער האט געזען אז די גמרא קומט נישט אויס, אזוי ווי דער ראב"ד תנא. דער ראב"ד זאגט, אמר אברהם זה שבש, הוא פירוש משבש הוא תהיה. דער רמב"ם האט געהאט עפעס א ראנג פירוש אין די אין די גמרא, וואס איז אים אויסגעקומען אז די גמרא שטייט א חילוק פון שטר און כסף און ביה, אבער ס'איז נישט ריכטיג פשט אין די גמרא. קען זיין אז דער רמב"ם אליין האט איבערגעלערנט די גמרא און געזען אז ס'שטייט נישט וואס ער האט געמיינט, ס'שטייט. מ'קען לערנען ביידע וועגן.

### הלכה א׳ (המשך) — די דריי לשונות: קנין, לקיחה, קידושין/אירוסין

**ר' יואל אשר:** יא,

**ר' יצחק:** על כל פנים, דער רמב"ם האט געזאגט דריי אנדערע לשונות דא: קודם כל, יקנה אותה - דאס איז וואס די גמרא רופט עס געווענליך, אשה נקנית אין די ערשטע פרק. נאכדעם ברענגט ער דעם פסוק כי יקח, קומט אויס אז ס'איז לקיחין. נאכדעם זאגט ער, די לקיחין, וויאזוי רופט מען זיי געווענליך אין הלכה? רופט מען זיי הן הנקראין,

**ר' יואל אשר:** דאס ווערט גערופן קידושין.

**ר' יצחק:** איין לשון?

**ר' יואל אשר:** או אירוסין בכל מקום.

**ר' יצחק:** קידושין איז לשון חכמים. כידוע, די גמרא איז מסביר דא אסורה לכל העולם כהקדש,

**ר' יואל אשר:** וואטעווער די ריזען פארסטו. אסורה לכל העולם כהקדש. אסורה לכל העולם כהקדש. און אסורה לכל העולם כהקדש. וואס טייטש אירוסין איז דאך א לשון פון...

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט. אסורה מיינט געבונדן. אירוסין מיינט אירוסין. איך ווייס נישט. קידושין און אירוסין איז די זעלבע זאך. אירוסין איז בפשטות לשון התורה.

**ר' יואל אשר:** ביידע מיינט עפעס אן ענין פון עקסקלוסיוויטי, אז די פרוי איז עקסקלוסיוו צו דעם.

**ר' יצחק:** די קנין, דאס איז וואס די קנין טוט. אבער ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אין די פסוק שטייט אשר ארש אשה ולא לקחה, ס'איז משמע אז די לקיחין זענען די אשות, זענען די נשיאות. עניוועיס, איז דאס אין די גמרא לשון חכמים, קידושין, אירוסין, אדער קנין, די קנין וואס מאכט א פרוי היינט, קידושין, אדער אירוסין. יעצט ווייסטו שוין די ערשטע ענטרי אין די רמב"ם'ס דיקשאנערי. און נאך אן ענטרי? יא.

### לקיחה אין פשוטו של מקרא vs. לשון חכמים

**ר' יואל אשר:** יא. ניין, ס'איז דא אז דאס זאגט די שארית אשה ולא לקחה. אויב מ'קוקט אין פשוטו של מקרא, אן די חידוש פון די חכמים אז לקיחה מיינט קידושין, האבן זיי געזאגט לקיחה מיינט די מכניסה לביתו צו בועל זיין. "כי יקח איש אשה ובא אליה", אדער "ארש אישה ולא לקחה", מיינט ער האט זי נישט גענומען אים צו בועל זיין. אבער די חכמים האבן אפגעלערנט אז די לקיחה מיינט נישט סתם די טעכנישע אריינגיין אין די היים צו בועל זיין, נאר ס'מיינט עפעס א לקיחה, עפעס א קנין.

**ר' יצחק:** אין די פסוק "כי יקח איש אשה" האבן זיי אזוי אפגעלערנט, אין די אנדערע פסוקים בלייבט אפשר די פשוט'ע פשט,

### קידושי ביאה און די ראלע פון עדים

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט. שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"ואשה שנקנת באחד משלשה דברים אלו"** - א פרוי וואס איז געווארן נקנית מיט איינע פון די דריי וועגן, די כסף, שטר, ביאה, די דריי ענינים פון קידושין - **"היא הנקראת מקודשת או מאורסת"**. מ'דארף נאך אביסל פארשטיין וואס דאס מיינט ביאה, ווייל איבעראל איז דאך דא ביאה, יא, "ובועלה בינו לבין עצמו".

**ר' יצחק:** אבער ביאה דא מיינט א ביאה לשם קידושין, אדער א ביאה בפני עדים, ווייסן. וועגן דעם איז די עדים די וויכטיגסטע. פאר דעם האב איך מדגיש געווען, דאס איז איינע פון די פראווס אז די עדים איז די נקודה. הגם, ס'איז אמת'דיג זייער שווער. דער מושג קידושי ביאה איז א שטיקל קשיא אויף די רמב"ם'ס הסבר, אז די עיקר ווארט פון קידושין איז אז ס'זאל זיין עפעס א קנין פארדעם, ווייל מ'קען דאך מאכן ביאה. די תירוץ איז אבער, די עדים מאכן א חילוק. הגם, מ'וועט שוין זען באלד, קידושי ביאה מיינט נישט מ'איז בועל בפני עדים ממש, מ'איז זיך מייחד בפני עדים, וואטעווער ס'איז, אבער ס'ווייזט אז ס'איז שוין דא נאך מענטשן אינוואלווד, און נישט סתם צוויי מענטשן האבן זיך מחליט געווען.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי,

**ר' יצחק:** און וואס געשעט? יעצט אז ס'איז דא די חידוש, און מ'מאכט קידושין, איז עס שוין סאפישענט.

### הלכה ב — ארוסה איז אן אשת איש אן מכניסה לביתו

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם: **"וכיון שנקנת האשה ונעשת מקודשת"**, נאכדעם וואס מ'האט געטון די מעשה לקיחה, די קנין, און מ'האט קונה געווען די פרוי, און זי איז געווארן מקודשת, זי איז געווארן מוקדש פאר דעם מאן, דעמאלטס, **"אף על פי שלא נבעלה ולא נכנסה לבית בעלה, הרי היא אשת איש"**. אפילו נאך פאר ס'איז געווען די ביאה, אדער נאך פאר אפילו ס'איז געווען די פארדעם,

**ר' יצחק:** די מכניסה לביתו. "לביתו" מיינט ליטעראלי אז זי וואוינט נישט מיט אים צוזאמען, רייט? אונז, ווען ס'קומט צום נושא פון חופה און נישואין, וועט מען זען אז ס'איז דא אין דעם א מחלוקת, אבער פשוט טייטש, אין די ווילעדזש ווייסט יעדער איינער וואס ס'מיינט. אבער געווענליך, א פרוי ווען זי איז סינגל וואוינט זי ביי די טאטע, לאמיר אננעמען, אדער אליינס, געווענליך ביי די טאטע, דער מאן מופט זי אריין ביי אים אין דער היים. איז געווענליך וואלט דאס געווען די עיקר אזוי ווי אישות. זאגט קידושין, ניין, זי קען נאך וואוינען ביי די טאטע, אבער זי באלאנגט שוין פאר אים.

### קידושין לייגט צו און נעמט אראפ

**ר' יואל אשר:** נאר אבער וואס ער זאגט דא איז אויכעט, לויט זיין פרעימינג האט ער, אזוי ווי די ערשטע הלכה האט אויסגעקוקט ווי קידושין לייגט צו עפעס מער, דא זאגט ער אז קידושין קען אויך אראפנעמען. ס'טייטש, מ'דארף נישט יעצט די "מכניסה לביתה" וואס איז געווען פאר קידושין. איינמאל ס'איז דא קידושין, איז דאס די זאך אנשטאט אלע אנדערע זאכן וואס פלעגט זיין.

**ר' יצחק:** ס'איז מיר נישט קלאר אז פריער, למשל, וואלט נישט געווען אזא מושג ווי יחוד. ס'הייסט, קען זיין ביי בן נח, מ'דארף קוקן קלאר, למשל, אויב זיי האבן זיך מתייחד, אויב ס'איז דא "רצה הוא והיא", אבער זיי האבן

נאכנישט געמאכט קיין בעילה אדער זיי וואוינען נאכנישט צוזאמען, קען זיין אז ס'איז יא עפעס אן ענין פון אישות, פארשטייסט? נאר אז די תורה האט געזאגט אז ס'דארף א קנין.

**ר' יואל אשר:** אן "מכניסה לביתה" ווערט שוין אן אשת איש.

**ר' יצחק:** מ'דארף פרעגן. איך מיין אז די הלכה נעמט אן אז נישט, אז ס'דארף זיין ממש א בעילה. ביים רמב"ם איז נישט געווען קלאר,

**ר' יואל אשר:** ס'איז געשטאנען "אם רצה".

**ר' יצחק:** But anyway, יא, דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך. ס'ווערט שוין נישט נאר,

**די דינים פון אן ארוסה**

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי דו זאגסט, נישט נאר ס'לייגט צו א חומר, ס'איז נישט חומר און קולא, אבער קידושין איז אויך אנשטאט עפעס אן אנדערע פעולה. ס'איז נישט נאר מוסיף געווען. הראיה **"אשת איש"**, ס'טייטש איינמאל מ'האט געמאכט קנין, איז די קנין אליין שוין געגוג, מ'דארף נישט די אנדערע זאכן. לגבי וואס הייסט אן אשת איש? לגבי אלעס, אפילו אזא הארבע זאך ווי מיתה. **"והבא עליה חוץ מבעלה"**, אויב א צווייטער האט איר בועל געווען אויסער דעם מאן, איז **"חייב מיתת בית דין"**. דער בועל וועט זיין חייב מיתת בית דין.

**ר' יצחק:** דער מאן אליינס מעג אפשר אויך נישט, קען זיין ס'איז אן איסור דרבנן. אסור לו לבוא על ארוסתו. אה,

**ר' יואל אשר:** פאר "נכנסה לבית בעלה".

**ר' יצחק:** אקעי. ארוסה איז אסור, אט ליעסט מדרבנן. אבער על כל פנים, א צווייטער איז חייב מיתה.

**ר' יואל אשר:** אין א געווויסן פאל, ווייל די בועל זיין אליין, ס'טייטש אויב ס'איז אין א הויז וואס קען הייסן זיין הויז, וועט דאס אליין זיין חופה. אקעי. **"והבא עליה חוץ מבעלה חייב"**, וועט ער זיין חייב אויב זי איז אן אונס,

**ר' יצחק:** אדער אויב נישט איז זי אויך חייב מיתת בית דין. היינט צו טאגס, אז מ'רעדט פון א... מ'דארף, על פי הלכה דארף מען האבן אויך שבע ברכות. ס'הייסט, נישואין, "כלה בלא ברכה אסורה לבעלה".

**ר' יואל אשר: "והבא עליה חוץ מבעלה חייב מיתת בית דין, ואם רצה לגרש"** — דא איז דא נאך א זאך, אז אויב ער וועט זיך מיישב זיין נאך די קונה זיין אז ער וויל איר נישט, איז נישט אז ער קען איר נישט פארטרייבן, מ'זאל זאגן אז מ'האט דאך נאך עניוועי נישט בועל געווען אדער וואס, נאר זי איז שוין אן אשת איש, **"ואם רצה לגרש צריכה גט"**. ס'איז שוין דא,

**ר' יצחק:** ס'איז שוין נוגע א גט. דאס הייסט, דעמאלטס איז זי שוין אינגאנצן הונדערט פראצענט אן אשת איש. ס'איז דא זאכן וואס ס'איז דא א חילוק, אבער לגבי לענין הלכה וועגן ארוסה און נשואה, אמת? שטימט? וואס? אלע זאכן הייסט אן ארוסה אן אשת איש

**ר' יואל אשר:** פונקט אזוי ווי א נשואה? ס'איז דאך שוין וויניגער, אויב זי האט חתונה געהאט צו א כהן, צו זי מעג שוין עסן תרומה. אבער לגבי די זאכן וואס דער רמב"ם האט אויסגערעכנט לכל הפחות, דאס אז מ'דארף שוין א גט, און חייב מיתה. טאקע אינטערעסאנט, איינמאל ער האט געזאגט די זאך אז "ואם רצה לגרש צריכה גט", ווערט מען מער שווער פארוואס דער רמב"ם האט נישט געברענגט דעם פסוק "כי יקח איש אשה ובעלה", וואס דארטן שטייט זייער קלאר אז נאך "כי יקח" דארף מען שוין א גט.

**ר' יצחק:** ביי הלכות גט גייט ער שוין שרייבן דאס למעשה. ס'איז דא די זעלבע הקדמה, אין די חלק הקדמה, ס'איז דא אנהייב הלכות גירושין, אויב איך געדענק.

**ר' יואל אשר:** יא. שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער. איז דער רמב"ם מסביר אזוי.

**ר' יצחק:** שוין, און דאס איז עד כאן הלכות קידושין, דעטס אלל.

**הלכה ג — קודם מתן תורה: קדשה**

**ר' יואל אשר:** יעצט גייט דער רמב"ם מסביר זיין די מצות לא תעשה.

**ר' יצחק:** ניין, ער האט מסביר געווען די מצות עשה, מצות עשה לישא אשה בקידושין. יעצט וועסטו פארשטיין די פליפ סייד אויף דאס, וואס איז מצות לא תעשה. און מ'דארף פארשטיין וואס דער רמב"ם מיינט דא. מיר האבן שוין לעצטע מאל געהאט א גרויסע ויכוח וועגן דעם. וועסטו זאגן דיין פשט, און איך וועל זאגן מיין פשט.

**ר' יואל אשר:** איך וועל זאגן מיין פשט, לאמיר אנהייבן מיט דעם. אדער דו זאג דיין פשט. אקעי. זאגט דער רמב"ם אזוי: **קודם מתן תורה**, וואס טוט זיך אזא פאל? **קודם מתן תורה היה אדם פוגע אשה בשוק**, א מענטש האט געטראפן א פרוי בשוק, **אם רצה הוא והיא**, אויב ביידע זענען מסכים אויף א בעילה, **נותן לה שכרה**, באצאלט ער איר פאר די בעילה, **ובועל אותה על אם הדרך**, ער נעמט איר אין א זייט און איז איר בועל. ער זאגט נישט אמאל אויף די זייט, על אם הדרך, אויפ'ן וועג, **והולך לו**, און ער גייט אוועק. ער האט באצאלט אן איינמאליגע, ס'איז געווען א באצאלט פאר א וואן-טיים סיטואציע, און ער גייט אוועק. **וזו היא הנקראת קדשה**, אזא פרוי ווערט גערופן קדשה, א פרוי וואס האט מיט א מאן א וואן-טיים ביאה.

**יהודה און תמר אלס מוסטער-ביישפיל**

**ר' יצחק:** אף קורס, די עקזעמפל פאר דעם איז יהודה מיט תמר, וואס ער האט געטון אזוי, און ס'איז משמע אין דעם פסוק אז ס'איז געווען לעדזשיטימעט. אויב מ'צאלט. אויב מ'צאלט נישט, איז עס א חיה, אבער אויב מ'צאלט,

**ר' יואל אשר:** איז בסדר. דאס איז געווען א סדר, וזו היא הנקראת קדשה. ס'טייטש, פאר מתן תורה איז געווען איין זאך וואס אויב מ'האט נישט געהאט די זאך, איז עס אפשר געווען אן עבירה, אויב ס'איז נישט געווען רצה הוא והיא. ס'טייטש, אונס איז לכאורה אייביג געווען אן עבירה. איך ווייס, ביי די דור המבול, דער אייבערשטער איז געווען זייער ברוגז, אפשר איז עס געווען אויף אונס. ס'קען זיין אויך אויף אשת איש, אבער אויף אונס. איינמאל ס'איז נישט אונס, נאר ס'איז רצון, הייסט עס קדשה, וואס פאר מתן תורה איז געווען אקעי.

**דיגרעסיע: "ויראו בני האלהים את בנות האדם" (בראשית ו)**

**ר' יצחק:** וויבאלד מיר רעדן היינט איז פרשת בראשית, איך מיין אז דאס זאגט אז אונס... וואס איז פשט פון דעם פסוק, אזוי ווי דער תרגום און אנדערע טייטשן, "ויראו בני האלהים את בנות האדם ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו", איז דער תרגום טייטשט בני האלהים די בני השופטים, די בני החשובים, און זיי האבן געזען, זיי האבן געכאפט ווייבער. דאס איז איבערגעטייטשט. פשוט פשט שטייט אין די תורה,

**הלכה א׳ (המשך): מעשה דור המבול — רעיפ, אשת איש, וגזל**

**ר' יואל אשר:** אפשר איז עס געווען אויף אונס, קען מען אויך טייטשן אשת איש, אבער אויף אונס. איינמאל ס'איז נישט אונס, נאר ס'איז רצון, הייסט עס קדשה, וואס פאר מתן תורה איז געווען אקעי.

**ר' יצחק:** וויבאלד אונז רעדן היינט די פרשת בראשית, איך מיין אז דאס וואס דו זאגסט אז אונס, דאס איז פשוט פשט פון די פסוק, אזוי ווי דער תרגום און אנדערע טייטשן, **"ויראו בני האלהים את בנות האדם... ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו"**, איז דער תרגום טייטשט "בני האלהים" - די בני השופטים, די בני החשובים, און זיי האבן געזען און זיי האבן געכאפט ווייבער. דאס איז די ווערטער. פשוט פשט שטייט אין די תורה אז די מבול איז געקומען אויף רעיפ. אזוי שטייט אין חומש.

אבער ס'איז גערעדט, קען זיין אויך אשת איש, ביי אזעלכע זאכן. באט קענסטו דאך פארשטיין אז אשת איש, אויב דו ווילסט, איך זאג סתם א דרשה וואס איך טראכט, אשת איש איז אויך א סניף פון רעיפ, ווייל קודם כל אשת איש, אפילו נישט, דער מאן וויל נישט. ס'איז דא אלעמאל א התנגדות פון צוויי רצונות ווען ס'איז דא אן ערוה.

**ר' יואל אשר:** דו קענסט זאגן אז רעיפ איז א מין גזל. סתם רעיפ איז גזל פון די פרוי, און פון אן אשת איש איז עס גזל פון דעם מאן.

**ר' יצחק:** ס'קען זיין פון די פרוי אויכעט בעצם.

**ר' יואל אשר:** איך מיין אז אפילו אויב די פרוי איז מסכים, איז עס אבער גזל פון דעם מאן, ווייל דער מאן האט דאך עפעס א בעלות איבער דעם.

### עטימאלאגיע: קדשה און קידושין

**ר' יואל אשר:** ס'איז זייער אינטערעסאנט, פון וואו שטאמט די ווארט קדשה? אבער קדשה איז זייער ענליך צו די ווארט קידושין, ס'איז זייער אינטערעסאנט.

**ר' יצחק:** יא, די טייטש איז אז די פשוט'ע פשט, אזוי לערנען, קידושין מיינט מיוחד לאותו איש, און קדשה איז מיוחד להיות לזנות, פאר רענט, וואטעווער. יא, בייסיקלי די חילוק פון רענטן פרויען און קויפן פרויען. ס'איז אלץ קנין, ס'איז נאר א רענט קנין.

**ר' יואל אשר:** וואס איז טאקע די ענין אויב איז נישט נותן לה שכרה? סתם רצה הוא והיא אן נותן לה שכרה?

**ר' יצחק:** זי איז א חיי ראוי, רופט אים די תורה.

**ר' יואל אשר:** אויב זי וויל, דו זאגסט רצה הוא והיא. אויב רצה, איך פרעג נישט אויס

**ר' יצחק:** די נותן לה שכרה. זייער גוט.

### הלכה ב: משניתנה תורה נאסרה הקדשה

#### לשון הרמב"ם

**ר' יצחק:** סאו לאמיר ענדיגן די סעיף, און מיט דעם וואס מיר זאגן, אונז האבן אן אלטע מחלוקת וויאזוי מ'האט געטייטשט דעם סעיף. אונז האבן נישט מחדש געווען די מחלוקת, פארשטייט זיך, ס'איז שוין אלטע מחלוקת מפרשים. אבער זאגט דער רמב"ם, דאס הייסט קדשה. יעצט זאגט דער רמב"ם,

**ר' יואל אשר:** **"משניתנה תורה נאסרה הקדשה"**, די תורה האט גע'אסר'ט אז ס'איז מער נישט דא אזא לעגיטימע סיפור פון א קדשה, **"שנאמר לא תהיה קדשה מבנות ישראל"**. א איד טאר נישט זיין א קדשה. דאס איז די כלל, א איד טאר נישט זיין א קדשה. ביי א איד איז נישט גענוג רצון און געבן געלט,

**ר' יצחק:** ס'דארף זיין א קנין.

**ר' יואל אשר:** **"לפיכך כל הבועל אשה לשם זנות בלא קידושין"**, אז איינער איז בועל אשה לשם זנות. איינמאל ס'איז שוין געווארן די תורה איז גע'אסר'ט, האט עס שוין באקומען א נאמען זנות אויכעט. יא, פארדעם איז נאך נישט געווען די ווארט זנות. זנות מיינט לשם תאוה, נישט לשם קביעות, לשם... ווייל יעצט האט מען זיך אנגעפאקט. איז לוקה מן התורה, באקומט מלכות, מפני שבעל קדשה, ער האט בועל געווען א קדשה.

#### רמז צו מעשה יהודה ותמר

**ר' יואל אשר:** מ'דארף דא נאכאמאל דערמאנען, אזוויי דו האסט געזאגט, אז דער רמב"ם איז דא מרמז אויף די מעשה פון יהודה, ווייל אזוויי די לשון "על אם הדרך" איז א לשון וואס שטייט ביי יהודה און אזוי ווייטער. איך וויל לכאורה זאגן, ס'קען דאך נישט זיין אז יהודה האט געטון אן עולה. זאגט ער אז אויב ס'איז דא רצון און ס'איז דא שכר, איז מער נישט קיין עולה. פאר די תורה איז מער נישט געווען קיין עולה. וועגן דעם וואס יהודה האט געטון איז געווען אקעי.

**ר' יצחק:** ס'איז געווען אפשר אן אנדערע עולה שפעטער, וואטעווער, באט דאס איז נישט געווען קיין עולה.

### מחלוקת רמב"ם וראב"ד: וואס איז קדשה?

#### שיטת הרמב"ם: יעדע ביאה אן קידושין איז אסור

**ר' יצחק:** סאו דא האבן מיר א גרויסע מחלוקת. ס'איז דא מענטשן, אזוויי רבי יואל לשון, וואס האלט אז דא שטייט א נייע איסור. ס'איז דא פאר מתן תורה, אזוויי דו זאגסט, ס'איז דא אמת'דיג דריי לעוועלס:

ס'איז דא בלא רצון הוא והיא, וואס דאס איז אלעמאל געווען זנות, לאמיר זאגן. סתם אין די וועלט אריין, מ'ווייסט נישט אן צאלן, מ'ווייסט נישט אן עפעס א געוויסע סדר, דאס איז נישט קיין חידוש אין די תורה.

א קדשה וואס מ'צאלט, ס'איז לעדזשיט, מ'צאלט, ס'איז דא א ביזנעס, ס'שטייט א קארד וויפיל ס'קאסט, מ'קען סווייפן די קרעדיט קארד, און מ'באקומט א האלבע שעה, וואטעווער, און מ'גייט ווייטער. דאס איז לפני מתן תורה מותר, קומט די תורה א נייע איסור, מ'טאר נישט טון, מ'קויפט נישט קיין פרוי מיט קרעדיט קארדס, נאר מיט רינגלעך. דאס איז די צווייטע.

א דריטע זאך איז, וואס איז אויב איינער סתם, ער טוט אזוי ווי מ'פלעגט טון פאר מתן תורה, ער איז אים בסכם מייחד, ס'איז א רצון הוא והיא, זיי וואוינען צוזאמען, אבער זיי מאכן נישט קיין קידושין. וואס איז די דין פון יענץ? דא האבן מיר מצות עשה פון קידושין, ס'איז זיכער א מצות עשה, אבער ס'שטייט נישט מער פון דעם.

איז דא א זאך וואס זאל מדגיש זיין, אז דאס וואס דער רמב"ם זאגט דא א איסור קדשה מיינט דוקא אויף דעם אופן וואס מ'צאלט איר, עפעס אזא סארט זאך. מ'צאלט איר, בשוק,

**ר' יואל אשר:** בשוק פלאס מ'צאלט איר,

**ר' יצחק:** לשם זנות. ס'שטייט אבער נישט אין דער רמב"ם. די פראבלעם ביי די רידינג איז, ס'שטייט נישט אין דער רמב"ם קלאר וואס איז דער איסור? די שוק? די צאלן? די צאלן מאכט עס ערגער? וואס איז די קדשה?

**ר' יואל אשר:** מיר זעען עס אבער יא, גלייך אנפאנג פון די פרק, וויאזוי דער רמב"ם האט גע'משל'ט א צאל. צניעות'דיגערע סיטואציע, מכניסה לביתו ובועלה, און דארט האבן מיר גערעדט צו ווערן אן אישות.

**ר' יצחק:** דאס איז פאר אישות.

**ר' יואל אשר:** ס'איז געווען אמאל צוויי זאכן,

**ר' יצחק:** אישות און נישט אישות. יעצט איז נאר דא איין זאך. אבער איך מיין אז דער רמב"ם, וואס דער רמב"ם מיינט צו זאגן איז, איך מיין אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן אז עניוואן וואס האט חתונה אן קידושין איז בעילתו בעילת זנות, דאס איז די לשון הגמרא אלעמאל. בעילתו בעילת זנות זאגט מען נישט אויף ווער ס'גייט דווקא בדרך אקראי, אדער עני קיינד אוו אקריות. בעילתו בעילת זנות איז, ווערן עני קידושין, עני ביאה אן קידושין הייסט זנות על פי תורה, און דאס איז א מצות לא תעשה פון "לא תהיה קדשה". אזוי פארשטיי איך דעם רמב"ם, און איך מיין אז אזוי האט מיך פארשטאנען דער ראב"ד,

#### שיטת הראב"ד: פילגש איז מותר

**ר' יואל אשר:** ווייל דער ראב"ד קומט גלייך... דער ראב"ד בשיטת הרמב"ם,

**ר' יצחק:** לאמיר זאגן. אבער זאגט דער ראב"ד גלייך, יא, דער ראב"ד זאגט ער פארשטייט נישט וואס דער רמב"ם זאגט. קדשה איז נישט איינער וואס איז מקדש, ער לעבט מיט א פרוי אן קידושין. יא, אויף דעם שטיקל זאגט דער ראב"ד, **קדשה איז א מופקרת לכל אדם. אבער המיוחדת עצמה לאיש אחד, זאגט דער ראב"ד, אין בה לא מלקות ולא איסור לאו, והיא הפילגש הכתובה בפסוק.** נישט קיין מלקות, אפילו נישט קיין איסור בכלל, ס'איז א פילגש. שטייט אין די תורה פילגש, און דער ראב"ד זאגט פילגש איז אקעי.

און דער ראב"ד זאגט, וואס טייטשט פילגש? פילגש איז א לשון פי שגל, איך ווייס נישט, קיצור. על כל פנים, פילגש איז א פרוי וואס איז מיוחדת לאיש אחד בלי קידושין. און דער ראב"ד זאגט אז ס'איז דא פלעצער וואס זאגן אז יא, פילגש איז מיט קידושין אן א כתובה. אבער על כל פנים, דער ראב"ד האלט אז ס'איז מותר צו האבן א פילגש. אין אנדערע ווערטער, ס'איז נישט דא קיין אפילו א מצות עשה לויט דער ראב"ד, רייט? ס'האט דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'איז דא א עשה ולא תעשה לבוא בלי קידושין. זאגט דער ראב"ד, ניין. ס'איז דא אזא זאך ווי אשה עם קידושין וכתובה, דאס איז די

אשה, ס'איז אפשר א מצוה, איך ווייס נישט. אבער א פילגש וואס איז מיוחד פאר איין מענטש, אזוי ווי דער רמב"ם דעסקרייבט פאר מתן תורה, איז נישט קיין שום איסור, נישט נאר ס'איז נישט קיין לאו, ס'איז בכלל מותר. דאס איז די שיטת הייליגע ראב"ד.

**דיוק אין לשון הרמב"ם: "על אם הדרך"**

**ר' יואל אשר:** מ'קען בעצם אריינלערנען די ווערטער פון דעם רמב"ם, אז ער רעדט פון דעם ראב"ד, די אם הדרך, די אשה בשוק, אז ס'איז דא א פרוי וואס שטייט אין שוק און זי האט א פלאץ ביי אם הדרך, פון דעם רעדט דער ראב"ד.

**ר' יצחק:** ס'איז זיכער אז דער רמב"ם לייגט אראפ די עיקר חידוש פון מתן תורה אז מ'זאל דאס נישט טון, רייט?

**תיאוריע: דער רמב"ם קעגן "פעיק קידושין"**

**ר' יצחק:** איך טראכט יעצט סתם א תיאוריה בעלמא, אז ס'קען זיין דער רמב"ם האט געטראכט אז די רגע וואס... אזוי ווי איך מיין אז דו האסט געזאגט אז מ'זאל קוקן אין מורה נבוכים, און לגבי אן אנדערע זאך איז דער רמב"ם אין מורה נבוכים. אבער דער רמב"ם האט געטראכט, איך ווייס אז אין די מוסולמענער לענדער איז דא אזא מושג אז דארט טאר מען זיך נישט זנות'ן אודאי, אבער זיי האבן אן עצה, מ'קען חתונה האבן פאר צוויי שעה.

סאו ס'איז דא א געהעריגע מוסד אין איראן און אין אזעלכע פלעצער, אויב איינער וויל שטארק עפעס א זאך, מ'האט חתונה. ס'איז "מאן האב ליומא", עקזעקטלי, מ'האט חתונה פאר צוויי שעה, אפילו לשעה. נאכדעם קומט א גט, און די מוסולמענער פירן זיך ממש אזוי. דאס הייסט, אין איסלאם על פי הלכה, איך ווייס נישט וואס דער פאקט, אפשר דער מנהג איז אנדערש, אבער על פי עיקר הדין, איז געגוג צו זאגן "הרי את אשתי", וואטעוועך, און ס'איז גענוג צו זאגן "גיי דיר לחיים ולשלום", ס'ווערט מגורש. ס'איז נישט זייער גרינג צו ווערן חתונה געהאט.

און דער רמב"ם האט געקענט דעם חשבון, און ער האט געזאגט, קוק, דאס איז נישט גענוג, דאס איז הפקר וועלט. דאס איז בעיסיקלי זנות מיט א הכשר. נישט מיט א הכשר איז א קדשה, טאר נישט. האט דער רמב"ם געלערנט אז די עיקר תורה איז צו זיין נישט אזוי, ס'זאל זיין א קידושין מיט עדים, ס'איז נישט קיין ווערטל.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף א גט, ס'איז א גאנצע סדר. דער נותן לה שכרה איז אזא פיקטיוועו קידושין, ס'איז א פעיק קידושין.

**ר' יצחק:** אזוי האט עפעס דער רמב"ם אנגעקוקט. ס'איז פעיק, ס'איז עכט, ס'קאסט געלט, ס'איז א זונה, ס'איז א פרנסה, איך מיין ס'דארף געלט. אבער טראכט אריין, ס'העלפט נישט. אזוי אפשר, איך שטיי מיך א סברא בעלמא.

**הלכה למעשה**

**ר' יצחק:** אבער מ'דארף וויסן אז די מחלוקת איז א גרויסע מחלוקת, הלכה למעשה, און די שיטות ווערט געברענגט ביידע שיטות. ווער ס'וויל וויסן...

**סיכום: צוויי שיטות אין איסור קדשה**

**ר' יואל אשר:** לאמיר נאכאמאל זאגן די שיטת הרמב"ם. די שיטת הרמב"ם איז אז פאר מתן תורה ס'איז דא צוויי זאכן פאר מתן תורה און ס'איז דא צוויי זאכן נאך מתן תורה. פאר מתן תורה... לאמיר פארגעסן פון מתן תורה. ס'איז דא צוויי מיני וועגן וואס זענען נישט לעדזשעטענעט.

ס'איז דא אז ער נעמט א פרוי, ער נעמט איין מיוחד'דיגע פרוי, און ער ברענגט איר צו זיך אהיים, און ער איז מיוחד פאר אים, דעמאלטס איז מען נאר מבטל למצות עשה פון קידושין.

**ר' יצחק:** לפי שיטתך, לפי שיטתך. וויאזוי דער רמב"ם איז אויך עובר.

**ר' יואל אשר:** דער צווייטער פאל איז, ווען מ'איז עובר אויך אויף א לאו איז ווען ס'איז מער רענדאם, ווען ס'איז על אם הדרך. ער נעמט איר נישט צו זיך אהיים, דעמאלטס ווערט דא אשת איש. אבער ס'איז אויך זייער שטארק נוגע למעשה, דעמאלטס וועט די פרוי נישט הייסן קיין אשת איש. אשת איש איז דאך אסור לבני נח. די צווייטע פרוי וועט נישט זיין קיין אשת איש. אויב איינער וועט איר בועל זיין די קדשה, וועט איר נאר עובר זיין אויף לשון קדשה, וועט איר נישט עובר זיין אויף אשת איש. די ערשטע פרוי, די מכניסה לביתו, עוד, ווערט די אשה פון דעם מאן.

**ר' יצחק:** נאר בן נח. א ישראל, לגבי בן נח. דאס וואס מיר האבן גערעדט פריער אז קדושין מאכט אויך א קהילה, איז דא אויך נאך א קהילה. דאס הייסט, א בן נח'ס גרולד-פרענד איז אסור אויף אנדערע בן נח בעיסור מיתה מיט דעם אשת איש. א איד'ס גרולד-פרענד וויל אזוי לאנג ער האט נישט געמאכט קיין קידושין, איז נישט אסור אויף א צווייטע מענטש מיט די נשת איש. ס'איז נישט מענטשלעך, אבער ס'איז נישט קיין נשת איש, ווייל ס'איז נישט דא קיין קידושין.

**ר' יואל אשר:** אבער די זאך אליין פארשטייען מיר אונז, ווייל ביי א בן נח האט מען שוין געטון, די פרוי איז שוין אן אשת איש. ממילא, ביי א ייד איז זי נאך נישט קיין פרוי.

**ר' יצחק:** און דאס איז די הלכה. דאס איז די רוב מפרש מבעל לערנען יא אז דער רמב"ם האלט אז אפילו יחוד לעצמו איז עובר אויף לא תהיה קדשה, דאס הייסט אז בלגש איז אסור. און די מחלוקת ווערט געברענגט אין שולחן ערוך, און דער רמב"ם ברענגט די שיטת הראב"ד אז ס'איז דא וואס זאגן אז ס'איז מותר, און לכאורה למעשה זאל מען פרעגן די לאקאלע רבנים וואס זיי זאגן.

עד כאן האבן מיר געלערנט די בייסיקל די צוויי זאכן, קדשין און קדשת, די מצות שתיים און מצות לא תשתיים. יעצט גייען מיר לערנען נאך א באנטש פון ווערטער.

**הלכה ג: הגדרת זונה**

**ר' יואל אשר:** יעצט גייען מיר לערנען הגדרות פון ווערטער. זאגט דער רמב"ם, **כל שאסר ביאתו בתורה וחייב על ביאתו כרת.** אונז האבן עס נאכנישט געזאגט וועגן דעם, אבער ס'איז דא א פרשה פון עריות, וואס דאס גייט שטיין אין הלכות איסורי ביאה גייט שטיין דארט.

**הלכה א' (המשך) – הגדרת "ערוה"**

**ר' יצחק:** יעצט גייען מיר לערנען נאך א באנטש פון ווערטער.

**ר' יואל אשר:** יעצט גייען מיר לערנען הגדרות פון ווערטער. זאגט דער רמב"ם, **"כל שאסר ביאתו בתורה וחייב על ביאתו כרת"** - ס'איז נאכנישט געזאגט וועגן דעם, אבער ס'איז דא א פרשה פון עריות, וואס דאס גייט שטיין אין הלכות איסורי ביאה,

**ר' יצחק:** גייט שטיין די הלכות פון דעם.

**ר' יואל אשר:** אבער קוק וואס דער רמב"ם זאגט. דער רמב"ם זאגט, **"כל שאסר ביאתו בתורה"**, אלעס וואס די תורה האט גע'אסר'ט די ביאה מיט די פרויען, **"וחייב על ביאתו כרת, והן האמורות בפרשת אחרי מות"** - די אלע עריות וואס מיר האבן געלערנט ביי מנחה פון יום כיפור.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם האט דאך געשריבן פאר מענטשן וואס קענען די גאנצע חומש, סאו אוודאי ווייסטו שוין דאס.

**ר' יואל אשר:** **"הן הנקראין עריות"**, זיי ווערן גערופן עריות.

**ר' יצחק:** הייסט, באופן כללי, א גרופע פון זיי ווערן גערופן עריות.

**ר' יואל אשר:** **"וכל אחת מהן"** - און די לשון יחיד פון דעם איז ערוה. **"כגון אם"**, א מענטש זאל זיין מיט זיין מאמע, אדער מיט זיין שוועסטער, אדער מיט זיין טאכטער, ווערט גערופן אן ערוה, **"וכיוצא בהן"**.

און דא גייט נישט שטיין הלכות עריות, אבער ס'גייט יא שטיין הלכות קידושין. ממילא איז נוגע אויף וועלכע פרוי העלפט קידושין. אויף עריות איז נישט תופס קידושין.

**ר' יצחק:** דאס איז די ריזען פארוואס דער רמב"ם זאגט דאס. ער גייט שפעטער געבן א זאג, "בערוה אין תופסין קידושין", אז דו זאלסט וויסן וואס איז אן ערוה.

**ר' יואל אשר:** און אין די קומענדיגע פאר הלכות גייט דער רמב"ם אונז זאגן הגדרות פון ווערטער, אז שפעטער אין הלכה... איך מיין ער האט אונז שוין געזאגט איינמאל, איך געדענק אייביג ווען איך גיי זאגן די און דיווארט, מיין איך דאס און דאס.

**ר' יצחק:** איך געדענק נישט וואו. איך מיין אז אין ענד פון פרק ב' זאגט ער דאך אזוי.

**הלכה ב – הגדרת "שניות לעריות"**

**ר' יואל אשר:** זאגט ער ווייטער, **"ויש נשים אחרות שאסורות מפני הקבלה"**, זיי זענען אסור ווי אזוי די חכמים האבן מקבל געווען. דאס הייסט, ווייל ס'איז אן איסור מדרבנן.

**דיסקוסיע: די לשון "מפני הקבלה"**

**ר' יצחק:** די "מפני הקבלה" איז א מאדנע לשון. איך האב געשריבן נישט דא אן הערה פון לעצטע מאל, ווייל געוועינליך קבלה מיינט מקובל, אבער דאס איז דאך נישט מקובל, דאס איז דאך אן איסור דרבנן.

**ר' יואל אשר:** ס'איז א גדר, ס'איז א גדר פאר... שניות לעריות איז אייביג אן עקזעמפל פון גדר.

**ר' יצחק:** סאו איך ווייס נישט פארוואס דער

**ר' יואל אשר:** רמב"ם רופט עס מפני הקבלה. עשית י"ג לתורה, שטייט כגון שניות לעריות, אויב איך געדענק גוט די לשון. משמרת למשמרתי.

**ר' יצחק:** יא, ס'קען זיין אז... איך מיין ס'שטייט אויך דא "וקדשת עצמך במותר לך", אזעלכע זאכן. ס'קען זיין אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן מפני הקבלה, מקבלת החכמים. געדענקסטו אז זיי האבן געהאט א לאנגע מחלוקת צו מ'קען זאגן "מפי הקבלה", צו ס'איז דא אזא זאך אז תורה שבעל פה ווערט אויך אזוויוי א קבלה. סאו דא איז איינע פון די פלעצער וואס ס'זעט יא אויס פון דער רמב"ם אפשר, אז קבלה מיינט ער צו זאגן אז מ'זאל מקבל זיין פון די חכמים, נישט אז די חכמים האבן מקבל געווען פון משה, ווייל דעמאלטס וואלט עס געווען דאורייתא, רייט? ס'קען דאך נישט זיין. ער זאגט אז ס'איז דא א רמז, אבער ס'שטימט נישט, ווייל רמז איז נישט מעלה און נישט מוריד.

**ר' יואל אשר:** איך מיין דו זאלסט ארויסנעמען די נו"ן, נישט "מפני הקבלה" נאר "מפי הקבלה".

**ר' יצחק:** ניין, קודם כל, איך נעם נישט ארויס. אונזער טעקסט איז דער טעקסט פון הרב שילת, וואס ער איז טראסט אין אים. אבער "מפי הקבלה" וואלט געווען ערגער, פארקערט, "מפני הקבלה" איז בעסער.

**ר' יואל אשר:** ניין, וועגן קבלה,

**ר' יצחק:** וואס אונז האבן מקבל געווען פון די מקובלים, מה שקיבלנו. "מפי הקבלה" וואלט געווען ממש אזוויוי "מפי השמועה", וואס איז נישט מפי השמועה. פארדעם אפשר האלט ער אז דאס איז די ריכטיגע גירסא. ס'איז דא טאקע צוויי גירסאות דא, איך זאג נישט.

**המשך הלכה ב – רשימת שניות לעריות**

**ר' יואל אשר:** אקעי. **"ואיסורן מדברי סופרים, והן הנקראות שניות"**. דער איסור איז מדברי סופרים, און זיי ווערן גערופן שניות. מהאי שעתא שניות לעריות, נעקסט פון די עריות. דאס הייסט, צו יעדער ערוה האט מען צוגעלייגט נאך. למשל אמו, האט מען צוגעלייגט נאך איינס. אה, דער רמב"ם גייט שוין ארויסרעכענען. **"וכל אחת מהן"**, דער לשון רבים איז שניות, און דער לשון יחיד איז שניה. **"ועשרים אשה הן"**, צוואנציג אזעלכע פרויען איז דא וואס זענען שניות לעריות, **"ואלו הן"**.

**שניה 1#: אם אמו – אין לה הפסק**

אזוויוי ס'איז דא אמו, האבן די חכמים צוגעלייגט אם אמו. **"וזו אין לה הפסק"**. אויף די דין אמו, וואס אויף דעם האבן די חכמים צוגעלייגט אם אמו, האבן זיי נישט נאר געלייגט אם אמו, נאר אויך אם אם אמו. א מענטש קען נישט חתונה האבן מיט זיין עלטער באבע ביז חוה. ווייל אפילו אם אם אם אמו עד מעלה מעלה אסורה.

**ר' יצחק:** ניין, דער רמב"ם זאגט "אם אם

**ר' יואל אשר:** אם אמו עד מעלה מעלה אסורה". איך טראכט, אין די גמרא איז עס אביסל מאדנע, ווייל וואו איז דען איז עס נוגע? אבער מ'קען טראכטן אז אין די רמב"ם... לויט דער רמב"ם, דער רמב"ם ברענגט אויך הלכות למשיח, ס'וועט זיין נוגע ביי תחיית המתים. ניין,

**ר' יצחק:** אבער ס'קען זיין אז ער לעבט לאנג, א מאדנע בריאה, ער וויל זיין מיט זיין עלטער עלטער באבע, מ'רעדט דאך א הלכה.

**שניה 2#: אם אבי אמו – בלבד**

**ר' יואל אשר:** ואם, און נאכדעם איז דא אזוי, אבי אמו. אויף דעם האבן זיי צוגעלייגט, ס'טייטש אבי אמו, די מאמע'ס טאטע איז אסור אויף די טאכטער, האבן זיי צוגעלייגט אם אבי אמו. סאו אבי אמו איז נישט דארטן, האבן די חכמים צוגעלייגט איין שניה, נישט עד עולם. ואם אביו.

**ר' יצחק:** ס'הייסט, אם אבי אמו איז די טייטש, דיין מאמע'ס טאטע'ס מאמע. ס'הייסט, דיין עלטער באבע פון די מאמע'ס זייט, בעיסיקלי. יא? דיין מאמע, דיין זיידע, דיין עלטער באבע.

**ר' יואל אשר:** יא? אם אבי אמו איז א שניה פון וואס? פון אם אמו,

**ר' יצחק:** רייט?

**ר' יואל אשר:** אם אמו איז אויך מדרבנן.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט וואס ס'איז פונקטליך. ס'איז א גזירה. שניה מיינט נישט זיין צווייטער, איך ווייס נישט, ס'קען זיין אז ס'איז א גזירה.

**שניה 3#: אם אביו – אין לה הפסק**

**ר' יואל אשר:** אקעי, ואם אביו, די טאטע'ס מאמע,

**ר' יצחק:** וזו אין לה הפסק. ער זאגט אז ס'איז דומה לאם אמו, אזוי שטייט אין... יא. איי,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נאך א שניה.

**ר' יצחק:** איך פארשטיי בשכל הישר, אן עלטער באבע, מעג מען אדער מעג מען נישט? קום הער. סאו די תירוץ איז, אזוי ווי דו זאגסט, די עלטער עלטער באבע וואס גייט אדורך א טאטע איז שוין צו ווייט. עניוועיס, ס'איז נישט נוגע למעשה, איז אויך שוין גענוג ווייט. מענטשן פארשטייען א חילוק, אבער א פלעינע עלטער באבע איז אסור.

**שניה 4#: אם אבי אביו – בלבד**

**ר' יואל אשר:** ואם אביו, די טאטע'ס מאמע, האבן אויך חכמים צוגעלייגט, ס'טייטש אזוי ווי די טאטע איז אסור, און די טאטע'ס מאמע איז אסור, האבן זיי אויך געמאכט אן הפסק, אלא אם אם אביו עד למעלה אסורה. ואם אבי אביו בלבד, די זיידע'ס מאמע,

**ר' יצחק:** זיין טאטע'ס טאטע'ס מאמע, יא,

**שניה 5#: אשת אבי אביו – אין לה הפסק**

**ר' יואל אשר:** די זיידע'ס מאמע, אויך נאר געהאט יענע דור, ואשת אבי אביו. די ווייב פון די זיידע איז אויך אין לה הפסק, אפילו אשת יעקב אבינו אסורה על אחד ממנו. יא, בלהה און זלפה וועט זיין אסור אויף אלע פון אונז.

**שניה 6#: אשת אבי אמו – בלבד**

**ר' יצחק:** ואשת אבי אמו בלבד. יא, ס'איז ווי ראובן האט געטראפן.

**ר' יואל אשר:** יא, יא. אקעי, מ'האט שוין... יחי ראובן ואל ימות, מ'האט שוין אוועקגעמישט ביי ברכת משה. ואשת אבי אמו בלבד.

**כלל אין די חילוקים צווישן "אין לה הפסק" און "בלבד"**

**ר' יצחק:** אלעמאל ביי די אב איז נישט אלעמאל, עקשעלי. די אשת... ס'גייט אזוי: ביי די אב, ווען דער איסור איז משום אמו, ווערט עס קלענער ביי אביו. ווען דער איסור איז משום אביו, גייט דער אביו אויף אייביג, אבער דורך די אמו איז עס נאר איינס.

**שניה 7#: אשת אחי האב מן האם**

**ר' יואל אשר:** ואשת אחי האב מן האם. די ווייב פון די... ס'טייטש די מומע, די טאטע'ס ברודער'ס ווייב, מן האם. ואשת אחי האב... די ווייב...

**ר' יצחק:** ואשת אחי האם.

**ר' יואל אשר:** די רמב"ם האט געמאכט נומערס,

**ר' יצחק:** מ'קען זאגן די נומערס. סאו, ז' איז אשת אחי האב מן האם, דהיינו די ווייב פון דיין פעטער, אבער נישט דיין ממש פעטער, נאר דיין פעטער מן האם. יא? יא. דאס איז אשת אחי האב מן האם. וואס איז דער ענין פון דעם? אשת אחי האב איז אסור, אבער דאס איז דוקא מן האב. אשת אחי האב מן האם האבן צוגעלייגט די חכמים.

### שניה #8: אשת אחי האם — בין מן האם בין מן האב

**ר' יואל אשר:** דאס איז דער... אבער אשת אחי האם,

**ר' יצחק:** בין מן האם בין מן האב. ווייטער, אין תורה שטייט נאר אשת אחי האב,

**ר' יואל אשר:** אבער אשת אחי האם האבן די חכמים צוגעלייגט,

**ר' יצחק:** עני סארט פון זיי.

### שניה #9: כלת בנו — אין לה הפסק

נאכדעם איז כלת בנו, און די תורה שטייט נאר כלתו.

**ר' יואל אשר:** און די חכמים האבן צוגעלייגט אויף זיין זון'ס שנייה, אן אייניקל'ס שנייה. וזו אין לה הפסק, אפילו כלת בן בן בנו עד סוף העולם אסורה,

**ר' יצחק:** עד שתהיה אשת אחד ממנו שניה על יעקב אבינו. דאס הייסט, יעקב אבינו טאר נישט חתונה האבן מיט קיין איד'ס ווייב. פארוואס זאגט מען א גאנצע צייט יעקב אבינו און נישט אברהם אבינו ווייס איך נישט. אפשר אברהם אבינו האט נאכנישט קיין דין ישראל? פארשטייסט די פראגע? אה.

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט. אקעי, יעקב האט געהאט צוועלף קינדער, ס'איז דארטן שוין דא מערערע סימנים.

### שניה #10: כלת בתו — בלבד

וכלת בתו בלבד.

**ר' יצחק:** דאס הייסט,

**ר' יואל אשר:** כלתו איז אין לה הפסק, כלת בתו איז נאר יענע דור אליין.

### שניה #11: בת בת בנו — בלבד

ובת בת בנו בלבד. דאס איז אן אייניקל. ובת בת בנו.

### שניה #12: בת בן בנו — בלבד

ובת בן בנו בלבד. ס'איז אינטערעסאנט פארוואס די חכמים האבן דאס אויסגענומען. ס'איז נישט נוגע, ס'איז נישט שייך.

**ר' יצחק:** אויף דעם פאל ס'איז שייך, אלעס איז שייך.

**ר' יואל אשר:** בת בן בנו, א איד דארף זיין הונדערט יאר אלט צו אנקומען צו אזא... נו,

**ר' יצחק:** איך האב געזאגט. מאך א מאן.

**ר' יואל אשר:** א מענטש דארף זיך פרייען, ער איז אנגעקומען צו עידזש הונדערט, און ס'איז צוגעקומען נאך מצוות.

**ר' יצחק:** אן אור-אייניקל דארף דאס זיין. איך האב אמאל געהערט פון א זאך,

**ר' יואל אשר:** א איד זאל אנקומען צו עידזש הונדערט, און ער זאגט, אה, ס'איז צוגעקומען נאך א פאר איסורים. איך האב שוין יעצט אן איסור פון א... כלת בת בנו, יא.

**ר' יצחק:** בת בת בנו. אמאל פלעגט מען דאך חתונה האבן יונגער.

**ר' יואל אשר:** יא, אמאל איז געווען... ביי אונז זעט עס אויס מאדנע, אבער אין אמאליגע צייטן איז עס נישט געווען אזוי. עידזש איז נישט געווען אזא שטארקע פעקטאר. א רייכער מאן האט געקענט נעמען א מיידל. היינט איז עס מער א זעלטענע זאך. י"ג...

### מחלוקת רמב"ם און רמב"ן: ביז וואו גייט דער איסור ביי אייניקלעך?

**ר' יצחק:** דרך אגב, ס'איז דא א מחלוקת. זעעסטו, דער רמב"ן זאגט אז בת בת בנו איז אויך אסור. דער רמב"ם האט מחדש געווען אז ס'גייט נאר ביז איר אייניקל. ס'איז תלוי וויאזוי מ'פארשטייט די סברות, די ראיון. אויב ס'זאל זיין וראה בהלכה למעשה, ס'איז אזוי נוגע למעשה. אין שולחן ערוך שטייט טאקע אז מ'טאר נישט. מ'דארף דארפן וויסן, אויב איינער האט אן אור-אור-אייניקל פון בנו, איז לויט דעם רמב"ם מותר, אבער לויט דעם רמב"ן, און אזוי פסק'נט שולחן ערוך, איז עס אסור.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף געדענקען די הלכה. י"ב האלטן מיר, י"ב. י"ב.

### שניה #12 (חזרה): בת בן בנו בלבד

י"ב בת בן בנו בלבד, זיין אייניקל, די טאכטער פון בן בנו.

### שניה #13: בת בתו — בלבד

י"ג איז בת בתו בלבד, אן אנדערע סארט אור-אייניקל.

### שניה #14: בת בן בתו — בלבד

י"ד איז די אנדערע סארט אור-אייניקל, ובת בן בתו בלבד. מיידלעך,

**ר' יצחק:** יא. און י"ד איז וואס? בת בן בתו. יא. זייער גוט. איז דאס זענען אלע סארטע אייניקלעך? אלע פון די סארטע אייניקלעך, בעיסיקלי, האלט דער רמב"ם גייט נאר ביז אור-אייניקלעך.

**ר' יואל אשר:** נאר דעם דור,

**ר' יצחק:** יא. אור-אייניקלעך, יא? ס'גייט פיר דורות כמעט. בת בן בתו.

### שניה #15: בת בן בן אשתו — בלבד

**ר' יואל אשר:** און בת בן בן אשתו.

**ר' יצחק:** ט"ו. ט"ו איז וואס?

**ר' יואל אשר:** א שטיף-אייניקל. ס'טייטש בת בן בן אשתו.

### הלכה ב (המשך): רשימת השניות

**ר' יואל אשר:** י"ג איז די אנדערע סארט אור-אייניקל.

**ר' יצחק:** בת בן בתו בלבד. און י"ד איז וואס? ובת בן בתו זייער גוט. איז דאס אלע פון די סארט אייניקלעך? בעסיקלי האלט דער רמב"ם גייט נאר ביז איר אייניקלעך. איר אייניקלעך, ס'גייט פיר דורות כאילו. ובת בן בתו.

**ר' יואל אשר:** און ובת בן בן אשתו.

**ר' יצחק:** ט"ו. ט"ו איז וואס?

**ר' יואל אשר:** א שטיף אייניקל. ס'טייטש ובת בן בן אשתו די טאכטער פון די ווייב'ס איר אייניקל.

**ר' יצחק:** בדרך זכרים. און ט"ז איז די איר אייניקל פון דיין ווייב, כאילו.

**ר' יואל אשר:** דורך די פרויען, דורך בת בת. און י"ז איז אויף ארויף, אם אבי אבי אשתו די מאמע פון...

**ר' יצחק:** אם אבי אשתו יא?

**ר' יואל אשר:** די מאמע פון די מאמע פון אבי אשתו, יא.

**ר' יצחק:** ואים, אים...

**ר' יואל אשר:** י"ח. י"ח איז דריי דורות פון פרויען: ואם אם אם אשתו. י"ט איז ואם אב אם אשתו.

**ר' יצחק:** נאך א וועג, יא? יא. וואס הייסט עס? דיין שוועגער'ס טאטע'ס מאמע. און כ' איז ואם אב אשתו דאס הייסט דיין שוועגער'ס סארט, דיין שווער'ס טאטע איז מאמע. יעצט,

### שניות שאין להן הפסק

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם איז עכים. די שניות שאין להן הפסק איז ארבע. ס'איז דא פיר מיני שניות וואס ס'האט נישט קיין הפסק, וואס גייט ארום עד. אם האם עד למעלה, נישט קיין חילוק וויפיל דורות די מאמעס.

**ר' יצחק:** דו ביסט רחל, וואטעוור, ביסט חוה.

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי דו זאגסט. ואם האם, ואם האב עד עד למעלה. ואשת אבי האב, די ווייב פון די אבי האב, ס'טייטש די זיידע'ס ווייב עד למעלה,

ואשת בן בנו עד למטה. די פיר האבן נישט קיין הפסק.

**ר' יצחק:** און די אלע אנדערע וואס האט אויסגערעכנט,

**ר' יואל אשר:** די אנדערע זעכצן איז נאר פיר דורות.

**שניות לעריות — דער טעם פון איסור קורבה**

**ר' יואל אשר:** דאס זענען עריות, און נאכדעם שניות לעריות. ס'טייטש, שניות לעריות זענען פון די זעלבע קעטעגאריע, אז ס'איז אן ענין פון עריות, אז ס'איז אן איסור אלס קרבן משפחתות.

און יעצט גייט דער רמב"ם אויסרעכענען נאך איסורי ביה, אבער וואס איז נישט אסור ווייל ס'איז א נאנטע קרוב. און אין מורה נבוכים איז דער רמב"ם מסביר אז ס'איז אן אנדערע מין איסור. אז די איסור פון קורבה איז אז א מענטש זאל נישט וואוינען מיט א מענטש וואס איז זייער נאנט צו אים, ס'דרייט זיך ביי אים אין שטוב, ס'איז זייער גרינג צו חתונה האבן. ס'איז איין מין איסור. נאר דא איז דא אנדערע מין איסורים וואס איז אסור אויף אנדערע סיבות. דאס ווערט גערופן איסורי קדושה.

**ר' יצחק:** יא, די זאך איז, דאס איז די טעם, אבער ס'איז די אנדערע לעוועל, ס'איז נישט קיין כרת. עריות איז דא כרת, שניות איז נישט קיין כרת, איסורי דרבנן האבן נישט קיין שום זאך אין כרת.

יעצט גייען מיר לערנען פון... און אגיין, די הלכות פון די אלע עריות

**ר' יואל אשר:** דארף מען לערנען אין הלכות איסורי ביאה.

**ר' יצחק:** ניין, איך האב געזאגט, די עצם איסור, די אלע פרטים פון דעם, מיר זענען געגאנגען אביסל שנעל, ס'איז נישט לעגיטים וואס מיר האבן געטון. קיינער גייט נישט קענען געדענקען פון דעם שיעור וועלכע באבעס זענען אסור און וועלכע נישט, וועלכע זענען אויף די... בעסער פאר מ'גייט צו די באבע

**ר' יואל אשר:** זאל מען אריינקומען אין א מכשול.

**ר' יצחק:** אבער סתם אזוי איז, אגיין, דער רמב"ם ברענגט דאס נאר ווייל ער גייט דאך שפעטער נוצן די קאנצעפט "שניה", אין הלכות קידושין דארפסטו עס וויסן. די עיקר איז, ווען מיר וועלן לערנען הלכות איסורי ביאה, דארט וועלן מיר מער אריינגיין אין די הגדרות פון וועלכע סארט שניות ס'איז דא און פארוואס.

**הלכה ד — איסורי לאוין / איסורי קדושה**

**ר' יואל אשר:** יעצט, דער רמב"ם האלט דאך נאך אינמיטן געבן די הגדרות. שפעטער גייט ער זאגן אויף וועלכע פון זיי למשל איז תופס קידושין און אזוי ווייטער. יעצט,

**ר' יצחק:** חוץ פון דעם איז דא א נייע סארט לאו.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **"כל שאסר ביאתו בתורה ולא חייב עליו ביאתו כרת"**, יעדע זאך וואס די תורה האט גע'אסר'ט די ביאה, מ'טאר נישט וואוינען מיט יענע פרוי, אבער ס'איז נישטא קיין חיוב כרת, ס'איז נאר אסור בלאו.

**ר' יצחק:** ווערט גערופן "איסורי לאוין". **"ועוד נקראין"**,

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא נאך א וועג וויאזוי מ'רופט זיי, אסאך מאל רופט מען זיי "איסורי קדושה". דאס הייסט נישט איסורי קורבה, נאר איסורי קדושה. דאס הייסט, וועגן די לעוועל פון קדושה, וועגן דעם איז די איסור. **"ותשעה הם"**, דאס זענען ניין מיני איסורים. **"ואלו הן"** — יא, ס'איז קלאר אז א כהן גדול איז אזוי קדוש אז ער איז אסור אפילו באלמנה. אה,

**ר' יצחק:** דאס הייסט איסורי קדושה? אבער אלע פון זיי זענען אזוי? יא, יא. אהא,

**רשימת איסורי קדושה**

**ר' יואל אשר:** סאו מ'זעט אז א ישראל איז אפילו א ממזר אסור. **"ואלו הן אלמנה לכהן גדול"**. א כהן גדול האט די העכסטע לעוועל פון קדושה, אז ער טאר נישט חתונה האבן נאר **"והוא אשה בבתוליה יקח"**, ער מעג נאר חתונה האבן מיט א בתולה, נישט מיט קיין אלמנה.

א כהן הדיוט איז א שוואכערע לעוועל קדושה, ער טאר נישט חתונה האבן מיט א גרושה אדער א זונה אדער א חללה. חללה מיינט איינער וואס איז געבוירן פון אן איסור ביאה, פון איסורי קדושה, בין לכהן גדול בין לכהן הדיוט. די גרושה איז אסור פאר כהן גדול און אויך פאר כהן הדיוט. דאס הייסט, אלמנה איז מותר פאר כהן הדיוט, און גרושה איז אסור פארביידע, אלע סארט כהנים.

און פאר א ישראל איז אלמנה, גרושה, אדער זונה, חללה, נישט אסור. אבער וואס איז יא אסור פאר א בן ישראל? ממזרת, איינער וואס איז געבוירן געווארן פון איסורי עריות, לבן ישראל. וכן בת ישראל לממזר, א אידישע טאכטער טאר נישט חתונה האבן מיט א זכר ממזר.

ווייטער, בת ישראל טאר נישט חתונה האבן מיט אן עמוני ומואבי. דאס הייסט, א כהן זיכער נישט, אבער אפילו א בת ישראל, וואס איז נאר די בעיסיק קדושה, טאר נישט חתונה האבן מיט אן עמוני ומואבי.

און בת ישראל טאר נישט חתונה האבן מיט א פצוע דכא וכרות שפכה. אויך אין ערגעץ וואו ער וועט שטיין, מסתמא אין הלכות איסורי ביאה וועט שטיין מער קלאר וואס דאס מיינט, א סארט מום אין די גוף, וואו די אברי הולדה זענען נפגם, טאר נישט א בת ישראל חתונה האבן מיט זיי.

א מענטש טאר נישט חתונה האבן מיט זיין גרושתו אחר שנישאת לאחר. ס'איז דא א הלכה, אויב א מענטש האט גע'גט זיין פרוי, קען ער זיין מחזיר גרושתו נאר פאר זי האט מקבל געווען קידושין פון אן אנדערן מאן. און דאס איז אן איסור קדושה, דאס הייסט נאר אן איסור לאו.

ויבמה, א יבמה וואס האט נישט באקומען יבום, די זיבעטע איז א יבמה וואס האט נישט באקומען יבום, וואס זי האט חתונה געהאט לזר, ועדיין רשות היבם עליה, זי האט נאך א זיקה, אזוי הייסט עס אין הלכות יבום, זי איז נאך משועבד, זי האט נאכנישט געטון די מצות יבום אדער חליצה, און זי איז געגאנגען חתונה געהאט מיט א זר.

**ר' יצחק:** דאס הייסט איסור לאו.

**דיסקוסיע: וויאזוי ציילט דער רמב"ם ניין?**

**ר' יואל אשר:** איך האב געוואלט זאגן אביסל אינטערעסאנט,

**ר' יצחק:** דער רמב"ם זאגט אז

**ר' יואל אשר:** זי איז שנישאת לזר, וואלט געדארפט זאגן יבמה לזר.

**ר' יצחק:** ס'איז נאר דא דא... ניין, ס'פעלט מיר. ס'מיינט...

**ר' יואל אשר:** ניין, ס'גייט אין די נעקסטע. מיט די דברי סופרים, תשעה הם איז אלעס צוזאמען.

**ר' יצחק:** יא. מיינסט אזוי? ניין. חלוצה און נתינים מיינסטו אזוי? אפשר דארף מען דאס ציילן.

**ר' יואל אשר:** אפשר האב איך נישט געציילט ריכטיג.

**ר' יצחק:** און מ'דארף מאכן פצוע דכא און כרות שפכה צוויי אנדערע, אדער עמוני ומואבי צוויי אנדערע. מ'דארף קוקן וויאזוי דער רמב"ם קאונט אין אנדערע פלעצער. ער ציילט? איינער ציילט דא? איך זע נישט וויאזוי ער ציילט. אה,

**ר' יואל אשר:** ער האט טאקע געמאכט אזוי.

**ר' יצחק:** וואס דארף מען צוטיילן? פריער האט ער נישט אפגעמאכט אזוי?

**ר' יואל אשר:** אה, גרושה וזונה וחללה איז דריי.

**ר' יצחק:** און דא דארף מען נישט צוטיילן? וואס איז דאס? פארוואס זאל מען גרושה נישט צוטיילן?

**ר' יואל אשר:** איך וויס נישט. מ'קען עס צוטיילן אויף די וועג.

**ר' יצחק:** נישט קלאר וואס דאס צוטיילן.

**ר' יואל אשר:** איז דאס א לשון המשנה, ס'איז דא תשעה אדער וואס?

**ר' יצחק:** ניין, איך מיין דער רמב"ם האט אליינס געמאכט די נומער. פארדעם איז מיר שווערער צו פארשטיין וויאזוי ער האט געציילט.

**ר' יואל אשר:** אבער אפשר דארף מען יא לערנען חלוצה ונתינים? דאס איז מיט דברי סופרים.

**ר' יצחק:** הייסט עס אנדערש. הייסט עס... רייט,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט אויף... די ותשעה הם גייט ארויף אויף די ווארט איסורי קדושה.

**ר' יצחק:** לכאורה. סאו וויאזוי ציילט מען? וויאזוי קען זיין אז דער רמב"ם זאגט א נומער און מ'ווייסט נישט וויאזוי צו ציילן? לאמיר זען. רב לחם משנה. אה, דער לחם משנה פרעגט שוין די קשיא. דער לחם משנה האט שוין נישט געוואוסט וויאזוי צו ציילן. אפשר דער יד פשוטה ווייסט וויאזוי צו ציילן? נישט קלאר, זייער פאני. זאלן מיר זען. אלמנה, גרושה, זונה, אזוי ציילט ער. פארוואס? מ'דארף ציילן וויאזוי דער רמב"ם לערנט מצוות. אפשר מ'דארף קוקן אין מנין המצוות.

**ר' יואל אשר:** וויאזוי ציילט דער רמב"ם.

**ר' יצחק:** אה, קוקן אויף איסורי ביאה. אה, ער זאגט ער אזוי, אזוי דארף מען ציילן, ווייל דער רמב"ם אין די מנין המצוות רעכנט ער אלמנה לכהן גדול

**ר' יואל אשר:** און איסורי קדושה אויך צוויי.

**ר' יצחק:** ממילא, דאס איז געווען די לחם משנה'ס קשיא, אז אדער איז דא זיבן אדער עלף. קומט אויס אז מ'דארף טון לכאורה אזוי. וועלן מיר טון אזוי.

**ר' יואל אשר:** סאו דער פשט איז אז כאטש דער פסוק איז איין לשון, **"גרושה וזונה וחללה לא יקח"**, אבער דער רמב"ם רעכנט דאס אויס עקסטער.

**ר' יצחק:** די נאמבערס אפדעיטן זיך נישט דא. אקעי, איך ווייס. עניוועיס, קומט אויס אז מ'דארף טון אזוי, און דעמאלטס איז דא ניין. אקעי.

**הלכה ה — איסורי דרבנן: חלוצה ונתינים**

**ר' יואל אשר:** שוין, יעצט גייט דער רמב"ם זאגן, מ'האט געענדיגט מיט די דאורייתא, ס'איז אויך דא איסורי ביאה מדרבנן.

**ר' יצחק:** רייט. וואס איז דאס?

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא אזוי,

**ר' יצחק:** חלוצה. החלוצה. יא,

**ר' יואל אשר:** א פרוי וואס האט באקומען חליצה. יא. ס'שטייט אז א יבמה וואס אנשטאט יבום האט מען געטון חליצה, איז **הרי היא כגרושה**, באקומט זי די דין אזוויו א גרושה.

**ר' יצחק:** זי זעט אויס ענליך צו א גרושה.

**ר' יואל אשר:** רייט, ענליך. א גרושה שטייט אז זי איז שוין געווען איינעמ'ס מאן. זי איז שוין אויך געווען אזוי ווי איינער, זי האט שוין געהאט א זיקה צו א יבם, איז זי אזוי ווי כגרושה, **והיא אסורה לכהן מדברי סופרים**. ס'שמעקט ווי א גרושה, איינער וואס האט ריח הגט.

ביי נתינים, ס'איז דא ממזרים. ממזרים מיינט איינער וואס מ'ווייסט אז ער איז געבוירן געווארן פון א איסור ביאה, למשל, פון איינער וואס האט חתונה געהאט מיט אן אשת איש. אבער נתינים זענען אזעלכע ספק ממזרים.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם זאגט דא אז ער גייט אונז נישט זאגן וואס ס'איז.

**ר' יואל אשר:** קוק, **"והנתינים הרי הן כממזרים אחד זכרים ואחד נקבות"**, וואס טייטש, דער יונגל און די מיידל זאלן זיין א ממזר אדער ממזרת, **"ואיסורם מדברי סופרים"**. איי, דו וואונדערסט זיך דאך וואס טייטש דאס ווארט נתינים? **"ובהלכות איסורי ביאה יתבאר לך מה הם הנתינים"**. ער האלט דיך אין סוספענס. דו דארפסט ענדיגן ספר נשים, דו דארפסט ווארטן ביז ספר קדושה.

**ר' יצחק:** אקעי.

**דיסקוסיע: פארוואס לייגט דער רמב"ם דרבנן עקסטער?**

**ר' יואל אשר:** אבער אינטערעסאנט, די דרבנן זענען אויך אזוי ווי לאוין, ווייל לאו מדרבנן, ס'איז דאך אן איסור מדרבנן, ס'איז נישט אן עשה מדרבנן. פארוואס לייגט ער עשה עקסטער?

**ר' יצחק:** ס'איז גארנישט. איך ווייס נישט פארוואס ער לייגט עס דארט אריין. נישט קלאר.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף פארשטיין. אפשר ווייל ס'איז נוגע שפעטער אין די הלכה ווי ער גייט זאגן צו ס'איז דא קדושין צו נישט.

**הלכה ו — איסורי עשה**

**ר' יצחק:** זאגט ער,

**ר' יואל אשר:** **"ויש שאיסור ביאתן בעשה"**, וואס די איסור ביאה איז במצוות עשה, **"ואינן מחייבי לאוין"**. **"ושלשה הן"**, **ס'איז דא דריי אזעלכע**. **"מצרי ואדומי"**, און אדומי איז נאר **"דור ראשון ודור שני"**. אה, ניין, דור ראשון ודור שני גייט אויף ביידע, מצרי ואדומי. דור ראשון ודור שני, דאס טייטש אז דער דריטער דור שטייט שוין יבוא בקהל ה', **"אחד זכרים ואחד נקבות"**. **"ובעולה לכהן גדול"**, איינער וואס איז שוין געווען נבעל געווארן לכהן גדול. דאס טייטש נישט אן אלמנה, נאר אפשר אן אנדערע סארט בעולה, איינער וואס איז געווען נבעל.

**דיון: בעולה לכהן גדול — פארוואס איז בעולה אנדערש פון אלמנה?**

**ר' יואל אשר:** ס'טייטש נישט אן אלמנה, נאר עפעס אן אנדערע סארט בעולה, איינער וואס איז געווארן אן אנוסה. יא, איך מיין אן אנוסה לכהן גדול.

**ר' יצחק:** יא. דער רמב"ם זאגט בעולה. פארוואס זאגט ער בעולה? בעולה לכהן גדול. דאס הייסט, א נישט בתולה, וואס ס'שטייט אין די תורה בתולה, אבער ס'שטייט נישט "לא בתולה", דאס איז נישט דא דאס ווארט. אלמנה, פארוואס אלמנה איז יא? ווי שטייט אלמנה?

**ר' יואל אשר:** עמיצער: דער רבי שליט"א מיינט א בעילה נישט מיט קידושין? נישט קיין אלמנה אדער נישט קיין גרושה.

**ר' יצחק:** נאר סתם א בעילה. זי איז נישט קיין געהעריגע בתולה. יא, דאס איז די טייטש. אבער פארוואס הייסט דאס אנדערש? דארפן אונז לערנען.

**ר' יואל אשר:** "והוא אשה בבתוליה יקח" איז א מצות עשה, און ס'איז נישט אויף דעם קיין לאו.

**ר' יצחק:** פארוואס אלמנה איז יא דעמאלטס?

**ר' יואל אשר:** שטייט נישט קלאר אלמנה? איך געדענק נישט.

**ר' יצחק:** עמיצער: פשוט'ע עמי הארץ, שטייט קלאר אלמנה, יא? איך געדענק נישט.

**דער רמב"ם'ס ביאור: לאו הבא מכלל עשה**

**ר' יואל אשר:** איני זוכר. אתה זוכר. משא עולם. אה, דער רמב"ם גייט שוין זאגן. אה, אזוי זאגט דער רמב"ם: **"לפי שלא נאמר באלו לא יבוא או לא יקח"**, ביי מצרי און אדומי שטייט נישט קיין לשון לאו, נאר ס'שטייט בלשון עשה. **"אלא מכלל שנאמר דור שלישי יבוא להם"**, ס'שטייט אין די תורה ביי מצרי און אדומי "דור שלישי יבוא להם", איז א לאו הבא מכלל עשה, ס'טייטש אז ס'איז אן עשה, אז **"אתה למד"** — פון דארט לערנסטו אראפ — **"שדור ראשון ושני לא יבוא"**, נאר דור שלישי יבוא.

און די זעלבע זאך א בעולה, **"ומכלל שנאמר והוא אשה בבתוליה יקח, אתה למד שאינה בתולה לא יקח"**. איינער וואס איז נישט קיין בתולה לא יקח, **ולאו הבא מכלל עשה הרי הוא כעשה.**

**מה שאין כן אלמנה**, איך געדענק נישט נאר לאו הבא מכלל עשה.

**ר' יצחק:** נאר ס'שטייט יא ארויסגעשריבן. דאס פרעג איך דאך.

**ר' יואל אשר:** וואו שטייט? אלמנה לכהן גדול, וואו שטייט? לאמיר קוקן יענע פסוקים דארטן.

**ר' יצחק:** ער ברענגט נישט אונזערע פרענץ. ער איז מיר נישט מסביר.

**ר' יואל אשר:** לאמיר גיין קוקן יענע פסוקים.

**געפינען דעם פסוק אין פרשת אמור**

**ר' יצחק:** אלמנה לכהן גדול? אלמנה לכהן גדול? איך ווייס נישט. וואס זאל איך קוקן? איסור אלמנה לכהן... שטייט בפירוש? נו, לאמיר טרייען צו געדענקען. אשה גרושה ואלמנה... יא, ס'שטייט בפירוש. פארוואס ווילסטו? ס'שטייט בפירוש, ס'שטייט נישט אין די אלמנה. פרשת אמור, איך האב נישט געדענקט. איז דער תירוץ.

**ר' יואל אשר:** אסאך מאל אז מ'האט א שווערע רמב"ם קען מען קוקן אין חומש, דער חומש איז מסביר.

**ר' יצחק:** ס'איז א בושה אז איך האב נישט געדענקט אז ס'שטייט בפירוש. אקעי.

**ר' יואל אשר:** לאמיר פארזען. געוואלדיג. עד כאן.

**ר' יצחק:** ענדיגט זיך פרק א'.

Generated by Shiur Upload Automation